STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01387

KENEN MIR VISEN DI TSUKUNFT?

F. S. Gilbert

Permanent preservation of this book was made possible
by Gerald & Maia Mullin
in memory of
Lucy & Shimon Deitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קענען מיר וויסען
די צוקונפט?

די אומגעהייערע באַדייטונג פון די וויכטיג־
סטע פּאַסירונגען פון אונזער צייט, ווערליג
די ביבלישע פּראָפעציייאונגען

פון

פּ. ס. גילבערט

און

ס. אַ קאַפּלאַן

רעדאַקטאָרען פון „די איצטיגע צייטען“

PACIFIC PRESS PUBLISHING ASSOCIATION,

Brookfield, Illinois

Mountain View, Cal.; Portland, Ore.;
Omaha. Nebr.; Cristobal, Canal Zone.

אינהאַלט

אײַנלייטונג 3

קאַפּיטעל 1
דער בוך איבער אַלע ביכער 7

קאַפּיטעל 2
זאָגט די ביבעל פאָראויס די צוקונפט? 12

קאַפּיטעל 3
דאָס פאַרשפּראָכענע קעניגרייך האַלט ביים קומען . . 20

קאַפּיטעל 4
דער מענשהייט'ס פינסטערע נאַכט 29

קאַפּיטעל 5
האָט אַ גוטער גאָט באַשאַפען אַ שלעכטע וועלט? 39

קאַפּיטעל 6
אַ מערקווירדיגע נבואה און איהר ערפילונג 49

קאַפּיטעל 7
די עהנליכקייט צווישען אַלטען און נייעם טעסטאַמענט . . . 61

קאַפּיטעל 8
די צייט פון דער ענדע 68

קאַפּיטעל 9
וואָס האָט פאַסירט אום יום כיפור פון יאָהר 1844? 76

קאַפּיטעל 10
אויף דער שוועל פון אייביגקייט 85



איינלייטונג

אַ פּראָמינענטער און געלערענטער שרייבער פון 20טען יאָהרהונדערט האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט וועגען דעם אומגעהייערען איינפלוס וואָס די ביבעל פאַרמאָגט: „אַזוי ווי אַ טייך וועלכער פליסט דורך אַ וויסטען לאַנד קען נאָכגעשפּירט ווערען דורך די גרינוואַרג אויף זיינע ברעגען, אַזוי קען מען נאָכשפּירען דעם פּאָרשריט פון דער ביבעל איבער דער וועלט. אונטער איהר אויפלעבענדער און באַנייענדער ווירקונג בליהען וויסטע און פאַרלאָזענע ערטער אויף אַזוי ווי די ליליע. די נידריגע און באַרבאַרישע נאַציאָן ווערט ציוויליזירט און אומגעענדערט. די אינטעלעקטועלע כחות ווערען דורך איהר דערמונטערט צו נאָבעלער אָנשטרענגונג; שולעס בליהען אויף עפּעס ווי דורך כישוף, און זיינען אַ ברכה פאַר דעם יונגען דור; סיסטעמאַטישע וויסענשאַפט ווערט דערוועקט דורך איהר שטודיום; דער ערפינדערישער גייסט ווערט אויפגעלעבט; הונדערטער נייע אַנטדעקונגען ערשיינען; און אונטער איהר געטליכער ווירקונג פאַרנעהמען די וויסעשאַפט און די קונסט זייער בכוד׳יגען אָרט אין דעם מענשליכען פּראָגרעס און דערלעזונג.

„זי ריהרט אָן דאָס הארץ, און מענשען ווערען נאָבעל און הייליג; געלט, טאַלאַנט און איינפלוס ווערען געלעגט אויף׳ן מזבח; צדקה־אַנשטאַלטען, האָספּיטעלער, און היימער פאַר אָרעמע און אונטערדריקטע ווערען געגרינדעט; געביידעס פאַר גאָטעס־דינסט קומען אויף אויף באַרג און טהאָל; געטליכע שליחים געהן פאָרט צו אַנדערע הינטערשטעליגע מדינות מיט די גוטע נייעס פון געטליכער ליעבע אויף זייערע ליפּען; און איבעראַל אונטער דעם איינפלוס פון דיעזער געטליכער סגולה בליהען אויף מאָראַל און פּראָגרעס צו זעגנען די מענשהייט און צו באַשעהנען די ערד.

„אָט דאָס איז די ביבעל, און זי איז אַן אַבסאָלוטע נויטוועגדיגקייט. עס איז דער בוך וועלכען אַלע גוטע און אויפריכטיגע מענשען פון אַלע צייטען און לענדער אַנערקענען, און וועלכען אַלע שלעכטע באַקעמפען; וועלכען מען האָט פאַרברענט און אין גלות פאַרשיקט; וועלכען אומגלויביגע און טיראַנען האָבען פיעל מאָל פאַראורטיילט און באַגראָבען, אָבער וועלכער ווערט היינט געלעזען און געשעצט מעהר ווי ווען עס איז פריהער.

„עס איז דער בוך וועגען וועלכן דער אטעאיסט טאָמאס פעין האָט נבואות געזאָגט אַז ער וועט אויפהערען צו עקזיסטירען אין 50 יאָהר, אָבער וועלכען אונזערע ביבעל־געזעלשאַפטען דרוקען יעצט צו פיעלע מיליאָנען קאָפּיעס יעהרליך; עס איז דער בוך וועלכען עס האָט גאָט גענומען זעכצעהן הונדערט יאָהר צוזאַמענצושטעלען פאַר אונזער געברויך, כאָטש די וועלט האָט ער באַשאַפען אין בלויז זעקס טעג.“ ווילי עם מ. טהעיער.

וועהרענט פיעלע אמאָליגע נאַציאָנען און פעלקער האָבען גענאָסען פון דעם אינהאַלט פון דער ביבעל, איז עס באַזונדער ערפרעהענד צו וויסען אַז דער אוטאָר פון דעם הייליגען בוך האָט אויך אין זינען געהאַט אונזער צייט. נאָך דעם ווי גאָט האָט געשלאָסען דעם ברית מיט ישראל, האָט ער געמאַכט דיעזע באַדייטונגספולע באַמערקונג: „ניט נאָר מיט אייך מאַך איך דיעזען ברית.“ דברים 13:29. די גרונט־וואַהרהייטען וועלכע די ביבעל ענטהאַלט זיינען ניט וועניגער וויכטיג פאַר אונזער צייט ווי פאַר די פאַרגאַנגענע דורות. זאָגט איהר געטליכער פאַרפאַסער:

„דערמאָנט זיך אָן די וואונדער פון פאַרצייטענס, ווייל איך בין גאָט און אויסער מיר איז קיינער; איך בין גאָט, און עס איז ניטאָ צו מיר קיין גלייכער. וועלכער דערקלער די ע נ ד ע אין פאָראויס, און פון פאַרצייטענס די זאַכען וועלכע זיינען נאָך ניט געשעהן.“ ישעיה 10,9:46.

אַ דאַנק איהר געטליכען אורשפרונג איז די ביבעל דער איינציגער בוך וועלכער הויבט אויף דעם נעפּעלדיגען פאָרהאַנג וועלכער הילט איין די צו־קונפט. עס איז דער צוועק פון דיעזען ביבעל צוציהען די אויפמערקזאַמקייט צו עטליכע באַדייטענדע נבואות וועלכע ווערען ערפילט אין אונזער צייט. מיר האָפען אַז דער לעזער וועמעס פּריווילעגיע עס איז צו לעבען אין איצטיגען דור פון אויסערגעוועהנליכע און ערשטוינענדע אויפטוהונגען וועט באַגרייפען די באַדייטונג וואָס די ביבעל האָט פאַר דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, און וועט אַזוי געווינען עפּעס וואָס האָט אַ אייביגען ווערטה.

די פאַרפאַסער.

קאפיטעל 1

דער בוך איבער אַלע ביכער

עוואָלוציע, מאָדערניזם, „העכערע קריטיק," אָרטאָדאָקסיע, פונדאַ־מענטאַליזם און נאָך אזוינע אויסדריקע הערען מיר וואו נאָר די ביבעל ווערט דיסקוטירט. די נייע שולע, די אַלטע שולע, די מאָדערנע טעאָלאָגיע און די נייע רעליגיעזע שטרעמונגען זיינען טערמינען וועלכע מע הערט כמעט טעגליך, אָבער דער צענטער, דער עיקר, דער תוך, דאָס האַרץ פון אַלע דיעזע געגנערישע און מאָדנע ריכטונגען שיינען צו זיין קאָנצענטרירט ארום דעם בוך.

כאָטש עס זיינען פאַראַן שטאַרקע אָנהענגער פון דער ביבלישער אָרטאָ־דאָקסיע, פאַרמאָגט אָבער די ביבעל פיעלע שונאים צווישען איהרע כלומר'ש־דיגע „פריינד." איהרע אמת'ע און אויפריכטיגע פאַרעהרער זיינען נאָך אַלץ אָהן צאָל; דאָך מעהרען זיך אויך די רייען פון די וועלכע ווערען באַטראַכט אַלס איהרע געגנער. די ביבעל ווערט דיסקוטירט אין טעמפּעל און קירך, אין דער עפענטליכער טריבונע און אין לעקטשור־זאַל. צייטונגען, פּעריאָדישע אויסגאַבען, ראָמאַנען־שרייבער, למדנים, און טעאָלאָגיקער,— אַלע זיינען אין דער אָרענע וואו דער בוך ווערט דיסקוטירט.

איינינגע באַטראַכטען די ביבעל אַלס גוטען בוך, וועהרענט אַנדערע שאַצען זי ניט זעהר הויך. מאַסען מענשען פאַרגעטערען זי, אַנדערע וואַרפען זי אָפּ אָן א זייט. פיעלע לעבען פאַר איהר; אַנדערע זיינען גרייט צו שטאַרבען פאַר איהר. א סך מענשען וואָלטען זייער לעבען מקריב געווען איידער צו שיידען זיך מיט איהר, און איינינגע געבען אוים גרויסע סומעס געלט צו קריגען א זעלטענעם עקזאַמפּלאַר פון איהר. פיעלע פאַרעהרער פון דער ביבעל באַהויפּ־טען אז זי איז גאָט'ס בוך; אַנדערע לייקענען דאָס, און זאָגען אז זי איז פון מענשליכער שאַפונג. איינינגע אונטערשטרייכען אז זי איז באַגייסטערט; איי־ניגע אז זי איז געשריבען פון הייליגע מענשען; וועהרענט אַנדערע זיינען פון דער מיינונג אז זי איז בלויז דער פּראָדוקט פון מענשליכען פאַרשטאַנד. אָבער איהר איינפלוס פיהלט זיך איבער דער גאַנצער וועלט, און זי איז א ברכה פאַר אַלע פעלקער וועלכע האָבען פריינדליך אויפגענומען איהרע מעכטיגע שליחות.

די ביבעל איז א גאַנגבאַרער אַרטיקעל איבער דער גאַנצער וועלט. אַנומעלט האָבען מיר געלעזען אין דער טעגליכער פּרעסע: „די מאָדערנע ביבעל איז איבערזעצט געוואָרען אין 835 פאַרשיידענע שפּראַכען, לויט א באַריכט פון איבערזעצונגס און עדיטאָריעלען דעפּאַרטמענט פון דער „בריטיש און פאָרען באַיבעל סאָסאַיעטי." ווען דיעזע געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרען אין 1804, האָט מען די ביבעל נאָר געקענט קריגען אין 72 שפּראַכען."

אויב אַזוי פיעל צייט, געלט, און מיה ווערט אָפּגעגבען צום איבערזעצען דיעזען בוך אין אַזוי פיעלע שפּראַכען, איז דאָס אַ קלאָרער באַווייז פון דעם אויסערגעוועהנליכען אינטערעס וואָס דיעזער בוך דערוועקט; און די אומגעהיירע צאָל לשונות און דיאַלעקטען אין וועלכע די ביבעל איז איבערזעצט



דער גאַנצער זינען פון דער ביבעל איז ווי צו היטען די עשרת הדברות

ווייזט ווי שטאַרק זי איז פאַרשפּרייט איבער אַלע טיילען פון דער ערד. ביבעל אַנטיק־זאַמלער געפינען זיך אין אַלע ווינקלאַך פון דער וועלט, מיט דער האָפענונג אַז זיי וועלען זיך אָנשטויסען אויף אַ זעלטענער, טייערער קאָפּיע. און ווען אַזאַ קאָפּיע ווערט אַנטדעקט שיקען די טעלעגראַפּישע אַגענטורען תכוף די נייעס פאַנאַנדער צו אַלע ציוויליזירטע לענדער.

איינע אַזאַ אינטערעסאַנטע דעפּעשע וועלכע איז דעם יאָהר 1926 צושיקט געוואָרען צו דער גאַנצער וועלט, לייענט זיך אַזוי: „עטליכע פון די זעלטענסטע עקזיסטירענדע ביבעלס געפינען זיך אין דער קאָלעקציע וועלכע מע וועט אויסשטעלען אין דעם בייקער אוניווערסיטעט, לויט דער אַסאָשיעיטעד פּרעס. דיעזע קאָלעקציע איז בירושה איבערגעלאָזען געוואָרען צום אוניווערסיטעט פון דעם פאַרשטאָרבענעם בישאָף ווילליעם א. קוועיל, פון דער מעטאָדיסטיש־עפּיסקאָפּאַלער קירך, וועלכער האָט פון דעם אוניווערסיטעט אַליין גראַדואירט, און איז דערנאָך געוואָרען דאָרט אַ פּראָפעסאָר, און שפּעטער אויך דער פּרעזידענט. עס זיינען אין דיעזער קאָלעקציע פאַראַן איבער 225 זעלטענע אויסגאַבען פון פאַרשיידענער גרויס, פון אַ זעהר קליינינקער קאָפּיע אין ענדענדיג מיט אַ גרויסער מגילת־תורה וועלכע איז געמאַכט פון דער פעל פון זיבען און דרייסיג חיות, און אַ איז אַ הונדערט פוס די לענג. די עלטסטע ביבעל פון דער קאָלעקציע איז אַ לאַטייניש כתב־יד פון יאָהר 1225.“

„די שטייגענדע נאָכפראַגע אויף דער ביבעל,“ האָט געהייסען אַ וויכטיגער אַרטיקעל אין דער „ליטערארי דיידזשעסט,“ פון פעברואַר 10, 1923, אין וועלכען דער רעדאַקטאָר האָט געזאָגט: „די ביבעל איז נאָך אַלץ דער גאַנג־

באַרסטער בוך־אַרטיקעל, און לעצטעס יאָהר איז דער אָנבאָט געווען אַזוי גרויס דאָס דרייסיג מיליאָן ביבעלס זיינען געדרוקט און פאַרטיילט געוואָרען פון אַלע אַגענטורען אין פאַרשיידענע טיילען פון דער וועלט. דאָס פאָדערט, נאַטירליך, אַ געוואַלדיגע צאָל איבערזעצונגען, און פון דעם באַריכט פון דער אַמעריקאַנער ביבעל־געזעלשאַפט פאַר 1922, ערקינדיגען מיר זיך אַז די הייליגע שריפטען זיינען באַקאַנט און ווערען געלעזען אין יעדען לאַנד און זיינען געדרוקט אין יעדער שפּראַך, אָנהויבענדיג פון אידיש, אַלבאַניש, אַראַביש, און בולו, און ענדיגענדיג מיט זאַפּאָטי און זולו."

„ווערענט די לעצטע צעהן יאָהר.... האָט די ביבעל ערשיינט אין אַ נייער שפּראַך יעדע זעקס וואָכען, ניט אַריינרעכענדיג נייע טיילווייזע אויסגאַבען."

„ווערליג דעם באַריכט האָט די אַמעריקאַנער ביבעל־געזעלשאַפט דעם יאָהר פאַרשפּרייט 375,227 ביבעלס, 749,386 טעסטאַמענטען, 3,730,841 טיילען, וואָס מאַכט אַ טאָטאַל פון 4,855,464 קאָפּיעס."

אָבער לויט דעם באַריכט פון דערזעלבער געזעלשאַפט פאַר 1928 האַלט די נאָכפראַגע אין איין שטייגען; ווייל אין 1928 האָט זי אַליין פאַרשפּרייט 11,032,494 קאָפּיעס, און 181 שפּראַכען. דאָס איז מיט איבער אַ מיליאָן קאָפּיעס מעהר ווי אין 1923.

אָבער די נאָכפראַגע פאַר ביבעלס איז אוממעגליך צו ערפילען. וואָס מעהר די ביבעל ווערט פאַרקויפט, וואָס מעהר זי צירקולירט, אַלץ גרעסער ווערט די נאָכפראַגע. די ריהרענדיגסטע ביטעס פאַר ביבעלס קומען פון דער מלחמה־געפּלאָגטער און צעריסענער כינאַ. עס איז אינטערעסאַנט אַז אַ העלפט פון די ביבעלס וועלכע די אַמעריקאַנער ביבעל־געזעלשאַפט האָט פאַרשפּרייט אין 1922 און 1923 איז איבערגעלאָזען געוואָרען טאָקע אין כינע. די „ליטעראַרי דיידזשעסט," אין דעם אויבענדערמאָנטען אַרטיקעל איהרען, באַטאָנט דעם באַריכט פון דעם כינעזישען דירעקטאָר פון דער געזעלשאַפט, אין וועלכען ער זאָגט אַז ער האָט פאַרברויכט 300,000 קאָפּיעס מעהר ווי די געזעלשאַפט האָט איהם אָנפאַנגס ערלויבט פאַר'ן יאָהר.

די „ד יי ד ז ש ע ס ט" ציטירט ווייטער פון דיעזען באַריכט: „ווען עס איז פאַראַן אַזאַ מאַנגעל פון ביבעלס, קענען מיר זיך ניט ערלויבען צו געהן אין אַלע ווינקלאַך פון אַ טעריטאָריע, ווייל דאָס וואָלט געמאַכט נאָך שווערער צופרידענצושטעלען די נאָכפראַגע. דער פאַקט איז אַז צוליב דער קליינער צאָל ביבעלס וועלכע די געזעלשאַפט האָט מיר אָפּגעטיילט, בין איך געווען גע־צוואונגען איבערצוהיפּערען אַ גאַנצע פּראָווינץ פון מיין טעריטאָריע, און דאָס אַ פּראָווינץ וואו אַנדערע־ביבעל געזעלשאַפטען האָבען אויך ניט געקענט ער־פילען די נאָכפראַגע."

פאַר די 113 יאָהר וואָס דיעזע געזעלשאַפט עקזיסטירט האָט זי אַרויסגע־געבען 205,096,251 קאָפּיעס פון די הייליגע שריפטען, אין איבער 250 שפּראַכען און דיאַלעקטען, און 17 שפּראַכען פאַר בלינדע.

עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו מערקען וואָס עס זיינען גרייט צו טהון

מיט דער ביבעל מענשען וועלכע האָבען אין זייערע הערצער דערפיהלט איהר געבענשטע ווירקונג. אָט איז אַ ביישפּיעל:

„אָפּצודרוקען דעם גאַנצען אַלטען און נייעם טעסטאַמענט אויף איין שטיק פּאַפּיר זעקס פוס די לענג און צוויי און אַ האַלב די ברייט, פאָדערט אַ גרוילד און פעהיגקייט וועלכע זעהר ווייניג מענשען פאַרמאָגען. אָבער אַזאַ קונץ האָט



דאָס משכן ביים בארג סיני וואו די תורה איז געגעבען געוואָרען

באוויזען צו טהון אַ יאַפּאַנעזיישער פאַרעהרער פון דער ביבעל, וועמעס נאָמען איז איזשיזוקאַ. אָט דיעזע זעלטענע ביבעל איז געדרוקט געוואָרען פון דער האַנד אויף פיינעם יאַפּאַנעזישען פּאַפּיר מיט אַ שרייב־פעדער. אויב מע קוקט אויף די בוכשטאַבען דורך אַ מיקראָסקראָפּ זעהן זיי אויס מערקווירדיג קלאָר. לויט ווי דער קינסטלער זאָגט, האָט גענומען פיער יאָהר און דריי מאָנאַטען מיט 10,000 תפילות דאָס צו פאַרענדיגען.“

צוליב וואָס טהוט מען דאָס אַלץ? וואָס איז דער זינען, דער מאָטיוו, דער צוועק? וואָרום באַמיהען זיך אַזוי מענשען צו פּראָדוצירען די ביבעל? ווי קומט עס וואָס מענער און פרויען וועלען ריזיקירען מיט זייערע לעבענס, וועלען אוועקגעבען זייערע פאַרמעגענס, און אַלץ וואָס איז זיי ליעב, צוליעב דיעזען בוך? וואָס איז די ביבעל? איז עס ווירקליך גאָט'ס בוך, אָדער איז עס אַ פּראָ־דוקציע פון מענשען? איז עס אַ מאָדערנע שאַפונג, אָדער אַ פאַרצייטיג ווערק? איז איהר לעהרע צוגעפּאַסט בלויז צו פאַרצייטיגע דורות, אָדער האָט זי אויך אַ רעעלען ווערטה פאַר דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט? איז די ביבעל דאָס וואָרט פון גאָט צו מענשען, אָדער איז עס ניט מעהר ווי „גוטע ליטעראַטור?“

פֿאַרמאָגט זי אַ שליחות פאַר דער מענשהייט פון היינט, אַ קאָנקרעטע, פרישע, לעבעדיגע, ענערגישע, און וויכטיגע שליחות פאַר אונזער צייט, אָדער איז זי ניט מעהר ווי אַן „אויסגעניצטער בוך,“ וואָס האָט קיין שום ווערטה פאַר׳ן איצטיגען דור?

קען די ביבעל באַווייזען איהר ווערטה, און באַשטעטיגען איהר אייגענע באַהויפּטונגען? אַ בוך וועלכער ווערט אַזוי שטאַרק דיסקוטירט, פאַרשפּרייט, געלעזען, איבערזעצט, און פאַרמעהרט, פאַרדיענט געווים עפּעס מעהר ווי געוועהנליכע אויפמערקזאַמקייט. די ביבעל פּרעטענדירט צו זיין ד אָ ס וו אָ ר ט פ ו ן ג אָ ט. די מענשען וועלכע האָבען זי געשריבען באַהויפּטען אַז זיי האָבען געשריבען דאָס וואָס ג אָ ט האָט זיי באַפעהלט. עס וועט גענוג זיין ציטירען אַ צוויי־דריי אַזעלכע אויסדריקע פון דער ביבעל:

„דער מאַלך פון גאָט האָט געזאָגט צו בלעם׳ן, „געה מיט די מענשען: אָבער נאָר דאָס וו אָ ר ט וואָס א י ך וו ע ל ש פּ ר ע כ ע ן זאָלסטו צו זיי רעדען.“ במדבר 35:22.

„און בלק האָט געזאָגט צו בלעם׳ן, וואָס האָסטו מיר אָפּגעטהון? איך האָב דיך געבראַכט צו שילטען מיינע שונאים, און, זעה, דו האָסט זיי גאָר געבענשט. און ער האָט געענטפערט און געזאָגט, מוז איך דען ניט אויפּפּאַסען צו רעדען נאָר דאָס וואָס גאָט האָט אַריינגעלעגט אין מיין מויל?“ במדבר 12,11:23.

באַטראַכט אויך גוט די פאָלגענדע ווערטער פון ירמיהו הנביא:

„גאָט האָט צו מיר געזאָגט...דו וועסט געהן צו אַלע צו וועלכע איך וועל דיך שיקען, און אַלץ וואָס א י ך ה יי ס ד י ר זאָלסטו רעדען. דאַן האָט גאָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד, און האָט אָנגעריהרט מיין מויל. און גאָט האָט געזאָגט, זעה, איך האָב אַריינגעלעגט מ יי נ ע וו ע ר ט ע ר אין דיין מויל.“ ירמיהו 9,7:1.

זיינען אין דער ביבעל פאַראַן אויסדריקע וועלכע צייגען אָן באַשימט אַז זי איז גאָט׳ס בוך פאַר דיעזען יאָהרהונדערט? אויב יאָ, ווי קענען מיר דאָס ווי־סען? איז זי דעם מענשען׳ס וועג־ווייזער און לעהרער פאַר דיעזען דור, אַזוי ווי זי איז עס געווען פאַר די פאַרגאַנגענע דורות? קען מען געפינען אַ צור־פידענשטעלענדען ענטפער אויף דיעזע פראַגעס אין דער ביבעל? גאָט ער־קלעהרט דורך דעם ב ו ך : „אויך וועל דיך פיהרען און לערנען אין דעם וועג אויף וועלכען דו דאַרפסט געהן: איך וועל דיך לייטען מיט מיין אויג.“ תהלים 8:32.

קאַפּיטעל 2

זאָגט די ביבעל פאָראויס די צוקונפט?

זיצענדיג אין אַ רייך־דעקאָרירטען פּאַלאַץ פון אָריענטאַלישער ארכי־טעקטור, אין דעם פּאַרבלענדענדען שיין פון אַ טויזענט אָריענטאַלישע לעמפּ־לאַך, אין מיטען לוסטיגע געזאַנגען און היידנישער יום־טוב'דיגקייט, ווערט פּלוצלינג דער שטאָלצער, איבערצערטעלטער, אויסגעלאַסענער בלשאצר, איי־ניקעל פון דעם וועלט־באַרימטעסטען הערשער, פאַרציטערט פון פּחד, אַנגסט און טראָר. זיינע צוריטעלטע באַקען ווערען טויט־בלייך; זיינע פונקעל־דיגע אויגען ווערען אויסגעלאָשען פון שרעק און ערשטוינונג; זיינע בלוט־לאָזע ליפּען ציטערען; זיינע טרייסעלדיגע און שאָקעלדיגע קניע שטויסען איינע קעגען דער אַנדערער; זיינע הענד, זיין גאַנצער קערפּער, טרייסלען זיך ווי פון כראָנישער געלעהמטקייט. הויבענדיג זיינע הענד אַרויף, שרייט ער אויס מיט קראַפט, אַבער שוין ניט מיט דער שטימע פון אַ שכור אָדער וויצ־לער. איבער די טויזענט אַנגעזעהענע געסט פּאַלט אָן אַ טויטליכע שטילקייט.

וועהרענט דער מלך הוליעט אין שכרות און אויסגעלאַסענהייט, באַווייזט זיך פּלוצלונג פאַר זיין בליק אַ טייל פון אַ מיסטעריעזער האַנד וועלכע צייכענט פרעמדע בוכשטאַבען אויף דער וואַנט־שטוקאַטור. אַלס די פינגער האַלטען אין שרייבען, נעהמט איהם אַרום אַן אומנאַטירליכער פאַרגעפיהל; מורא'דיגע געדאַנקען פילען אָן זיין פאַנטאַזיע.

„דער קעניג האָט הויך געשריען מע זאָל איהם ברענגען די צויבערער, כשדים און מאַגיקער; און דער קעניג האָט גערעדט און געזאָגט צו די חכמים פון בבל: דער מענש וועלכער וועט דיעזע שריפט איבערלעזען און מיר זאָגען די באַדייטונג דערפון, וועט אָנגעקליידעט ווערען אין פּורפּור מיט אַ גאָלדע־נער קייט אַרום זיין האַלז און ער וועט זיין דער דריטער הערשער אין דער מליכה. עס זיינען דאַן אָנגעקומען אַלע חכמים פון קעניג, אָבער זיי האָבען ניט געקענט לייענען די אויפשריפט, און אויך ניט אָנגעבען די באַדייטונג דערפון. דניאל 8,7:5.

דער צומישטער, ענטריסטעטער, ערשטוינטער קעניג איז זעהר באַאומ־רוהיגט. „זיין געזיכט איז פאַרענדערט געוואָרען, און זיינע פירשטען זיינען געוועזען ווי צוטומעלטע." פ. 9.

ניט אפילו די גאַנצע בילדונג און למדנות פון בבל קען איהם העלפען אין דיעזען מאָמענט פון דרינגליכער נויט. צומישט און צוטומעלט קרעכצט און

יאָמערט דער מלך וועגען אַן אויסטייטשער פון דער דראָהענדיגער האַנדשריפט. לויפער און שליחים איילען זיך הין און צוריק זוכענדיג די זעלבסט־געקרוינטע „חכמים.“ פּלוצלינג קומט איילענדיג אַריין דעם קעניג׳ס באָבע, די פרוי פון דעם אומערשראָקענעם און פורכטלאָזען נבוכדנצר, און דערוואוסט זיך וועגען דער זאָנדערבאַרער ערשיינונג.

„אזוי איז די מלכה, צוליב די ווערטער פון קעניג און זיינע פירשטען, געקומען אין באַנקעטען־הויז; און די קעניגין האָט געענטפערט און גע־זאָגט: אָ קעניג, לאַנג זאָלסטו לעבען...עס איז פאַראַן אַ מאַן אין דיין קע־ניגרייך, אין וועמען איז דער גייסט פון די הייליגע געטער, און אין די טעג פון דיין פאָטער (אָדער זיידע) זיינען אין איהם געפונען געוואָרען ליכט און פאַרשטאַנד און חכמה, עהנליך צו געטליכען טוגענד; און דער קעניג נבוכדנצר, דיין פאָטער (זיידע) האָט איהם אָנגעשטעלט אַלס עלטסטען פון די חרטומים, אסטראָלאָגען, כשדים, און מאַגיקער; ווייל ער באַזיצט אַן אויסעראָרדענטליכען חוש פאַר רעטעניש׳ן און אויפדעקן געהיימניסע;...זאָל מען איהם אַלזאָ רופען דיר צו ערקלעהרען די אויסטייטשונג.“ פּפּ. 10־12.

מע איילט זיך צו ברענגען דעם גרייז־גרויען נביא פאַר׳ן קעניג און זיינע פירשטען. נאָך דעם ווי ער האָט צוגעגעבן אַז די פאַראייניגטע חכמה און אינטע־ליגענץ פון שטאָלצען בבל איז ניט פעהיג געוועזן אויסצוטאָלקעווען די מאָד־נע בוכשטאַבען, האָט דער דערשראָקענער קעניג געבעטען ביים אַכציג־יעהריגען נביא:

„איך האָב געהערט וועגען דיר אַז דו ביזט פעהיג אויסטייטשען און אויפלעזען געהיימניסע; אַלזאָ אויב דו קענסט לעזען דיעזע שריפט און מיר ערקלעהרען די באַדייטונג דערפון, וועסטו אָנגעטהון ווערען אין פורפור, און וועסט האָבען אַ גאָלדענע קייט אַרום דיין האַלז, און וועסט זיין דער דריטער, הערשער אין קעניגרייך.“ פּ. 16.

גאָט האָט אַנטפּלעקט צו זיין קנעכט דניאל די באַדייטונג פון דער האַנד־שריפט. דעם נביא׳ס געדאַנקען זיינען יעצט געווען גאָר ווייט פון גאָלדענע קייטען, פורפורנע קליידער, אָדער פירשטליכער באַלוינונג; ווייל הינטער דעם פּאַלאַץ האָבען שוין טויזענטער סאָלדאַטען געגראָבען טראַנשייען, אָפּגעקעהרט טייכען, געגראָבען נייע קאַנאַלען, און געמאַכט אַלע פּאָרבאַרייטונגען צו פאַנגען די גאָלדענע קרוינשטאָדט.

זאָגט דער אַלטער פּראָפעט צום פחד׳נישען מלך: „פאַר דיר דיינע מתנות; און דיינע באַלוינונג פאַר אַ צווייטען; דאָך וועל איך לעזען די שריפט פאַר׳ן קעניג, און איהם ערקלעהרען די באַדייטונג. אָ דו קעניג, דער אַלערהעכסטער גאָט האָט געגעבען צו נבוכדנצר דיין פאָטער (זיידע) אַ קעניגרייך, און מאַ־יעסטעט, און כבוד און עהרע...אָבער ווען זיין האַרץ איז שטאָלץ געוואָרען.... איז ער אַראָפּגעזעצט געוואָרען פון זיין קעניגליכען טהראָן און זיין עהרע איז פון איהם אָפּגענומען געוואָרען... און דו זיין זוהן, אָ בלשאצר, האָסט ניט גע־

בויגען דיין שטאָלץ, כאָטש דו האָסט עס אַלץ געוואוסט...און דאָס איז דאָס כתב וואָס איז געשריבען געוואָרען, 'מנא, מנא תקל און פרסין.' אָט איז די אויסטייטשונג פון דער זאַך: מנא, גאָט האָט אויסגעציילט דיין קעניגרייך און ער מאַכט דערפון אַן ענדע; תקל, דו ביסט געוואויגען אין דער וואָגשאָל, און ביסט געפונען געוואָרען פעהלערהאַפט; פּרס, דיין קעניגרייך איז צוטיילט, און איז אָפּגעגעבען צו מדי און פּרס. דאַן האָט בלשאצר געהייסען, און מען האָט דניאל'ן אָנגעטהון אין פּורפּורנע קליידער, און מיט אַ גאָלדערנער קייט אַרום זיין האַלז, און מען האָט באַקאַנטגעמאַכט אַז ער זאָל זיין דער דריטער הערשער אין קעניגרייך.״ פּס. 17־29.

מיט אומגעהייערער געשווינדקייט זיינען דניאל'ס ווערטער בוכשטעבליך און אַקוראַט מקיום געוואָרען. נאָך איידער עס איז טאָג געוואָרען נאָך דער נאַכט ווען די האַנדשריפט האָט זיך באַוויזען אויף דער וואַנט פון שטאָלצען פּאַלאַץ פון נבוכדנצר, זיינען שוין די אומאָפּהענגיגע איינוואוינער פון בבל געוואָרען שקלאַפען פון די מעדאָ־פּערסיער. די פּאַרריסענע, באַריהמערישע „גאָלדענע שטאָדט,״ וועלכע איז געווען שטאַרק באַפעסטיגט, איז געפאַלען אַ גרינגער קרבן צו דער כיטרעקייט און פעהיגקייט פון די עלמים.

די עגאָטיסטישע און זעלבסטשטענדיגע באַבילאָניער האָבען באַטראַכט אַלס אַבסורד אַז זייער אומפּאַרגלייכבאַרע שטאָדט זאָל ווען איינגענומען ווערען. דיעזע גרויסע אימפּעריע איז היסטאָריש באַקאַנט אַלס „די גאָלדענע מליכה פון אַ גאָלדענער עפּאָכע.״ אַ גוט־אינפאָרמירטער היסטאָריקער האָט פאָלגענדעס צו זאָגען וועגען בבל, דער וואונדער־שטאָדט:

„ליעגענדיג אין דעם גאָרטען פון מזרח; אויסגעלעגט אין אַ פאָלקאָמענעם קוואַדראַט זעכציג מייל אַרום, פופצעהן מייל יעדע זייט; אַרומגעקרייזט פון אַ שוץ־וואַנט דריי הונדערט און פופציג פוס הויך און זיבען און אַכציג די ברייט, מיט אַ קאַנאַל אַרום פון עהנליכען קובישען גרויס ווי די וואַנט זעלבסט; צוטיילט אין זעקס הונדערט און זיבעציג קוואַדראַטען, איטליכער קוואַדראַט צוויי און אַ פיערטעל מייל אין אומקרייז, מיט איהרע פופציג גאַסען, יעדע אַ הונדערט און פופציג פוס די ברייט, פינף און צוואַנציג אין דער לענג און פינף און צוואַנציג אין דער ברייט, און איטליכע פופצעהן מייל די לענג; איהרע צוויי הונדערט פינף און צוואַנציג קוואַדראַטע מייל צוטיילט ווי שוין דערמאָנט, אויסגעלעגט אין פּרעכטיגע פּאַרקען און גאָרטענס, און פאַנאַנדערגעמישט מיט גרויסאַרטיגע הייזער, דיעזע שטאָדט מיט איהרע זעכציג מייל קאַנאַל, איהרע זעכציג־מייליגע אויסערליכע שוץ־וואַנט, איהרע דרייסיג מייל טייך־וואַנט דורך איהר צענטער, איהרע הונדערט און פופציג טויערען פון מאַסיווען מעש, איהרע הענגענדע גאָרטענס, אויסגעלעגט אין טעראַסען ביז זיי האָבען געגרייכט די הויך פון דער וואַנט, איהר טעמפּעל פון גאָט בעלוס, דריי מייל אין אומקרייז, איהרע צוויי קעניגליכע פּאַלאַצען, איינער דריי און אַ האַלב, דער צווייטער אַכט מייל אין אומקרייז, מיט איהר אונטערערדישען טור־



דניאל הנביא טייטשט אויס פאר בלשאצר'ן דאס מאדנע כתב־יד אויף דער וואנט

נעל אונטער'ן טייך פרת צו פארבינדען דיזע צוויי פאלאצען, איהרע פאל־קאמענע אויסשטאטונג פאר באקוועמליכקייט, שעהנקייט און באשיצונג, און איהרע אומבאגרענעצטע רעסורסען,—דיזע שטאדט, וועלכע האט אין זיך פארמאגט זאכן וועלכע זיינען זעלבסט געווען וועלט־וואונדער,—איז אליין געווען אן אנדערער און נאך גרעסערער וואונדער. פאר איהר איז נאך אזא שטאדט ניט געווען אויף דער ערד; און נאך איהר איז נאך ניט געווען איהר גלייכען.״ דניאל און די אנטפלעקונג,״ פון אוריה סמיטה, זז. 54,53.

גאט האט אבער געזאגט אז בבל וועט פאלען, און זיין ווארט קען ניט פארפעהלען; „בבל, די פראכט פון מליכות, די שעהנהייט פון דער כאלדעאישער גרויסקייט, וועט זיין ווי ווען גאט האט אומגעווארפען סדום און עמורה. אויף אייביג וועט זי בלייבען אומבאוואוינט, וויסט און ניט באזעצט פון דור צו דור; קיין אראבער וועט דארט ניט אויפשטעלען זיין געצעלט, און קיינע הירטען וועלען דארט ניט מאכען לאגערען זייערע שאף. נאר ווילדע טהיערען וועלען זיך דארט לאגערען, און זייערע הייזער וועלען זיין פול מיט נאכט־אייילען. די שטרויס־פויגלען וועלען דארט וואוינען, און אומריינע חיות וועלען דארט ארומשפרינגען. און די ווילדע חיות פון די אינזלען וועלען שרייען אין זייערע וויסטע פאלאצען, און מאנסטערס אין זייערע פארגעניגענס־פאלאצען; און איהר צייט איז געקומען, און איהרע טעג וועלען זיך ניט פארלענגערען.״ ישעיה 19:13־22.

ניט נאר האט די ביבעל פאראויסגעזאגט אז בבל וועט פאלען, נאר גאט האט אפילו אנגעגעבען דעם נאמען פון דער פערזאן וועלכע וועט דורכפיהרען דיזע אויסערגעוועהנליכע שטיקעל העלדישקייט. צוויי יאהר נאך דעם טויט פון נבוכדנצר, האט קריעג אויסגעבראכען צווישען בבל און מדי. דריוש, וועלכער האט שפעטער אוועקגענומען בבל פון בלשאצר, האט גערופען זיין פלימעניק כורש, א פרינץ פון פערסיע, ער זאל איהם ארויסהעלפען אין זיין שטרייט קעגען בבל. גרויסע טיילען פון בבל זיינען פון זיי איינגענומען געווארען, אבער די הויפטשטאדט האט געשיינט צו זיין אומבאזיגבאר. די איינוואוינער האבען זיך געפיהלט זיכער הינטער זייערע פעסטע ווענט, און האבען זיך אויסגעלאכט פון די מעדא־פערסישע סאלדאטען וועלכע האבען געזוכט ווי איינצונעמהען די שטאדט.

ענדליך האט כורש פארזוכט אויסצופיהרען דורך סטראטעגיקע דאס וואס ער האט אנדערש ניט געקענט אויספיהרען. ער האט זיך דערוואוסט אז די איינוואוינער פון בבל האבען זיך געגרייט צו פראווען א יעהרליכען פעסט־טאג. אט ווי עס באשרייבט דעם איינפאל פון כורש'ן א טאלאנטירטער מחבר:

„ער האט ניט געהאט קיין אנדער מיטעל אריינצודרינגען אין דער שטאדט סיידען דורך די ערטער וואו דער טייך פרת געהט אריין און ארויס פון דער שטאדט ... ער האט באשלאסען דעם טייך צו פארוואנדלען אין א וועג צו דער פיינדליכער פעסטונג. כדי צו פארווירקליכען דעם פלאן האט מען געמוזט

דעם טייך אָפּקירעווען פון זיין ריכטונג איידער ער פליסט אריין אין דער שטאָדט. האָט ער דעם אָוועקט פון פעסט־טאָג אָפּגעטיילט דריי רעגימענטען סאָלדאַטען, דער ערשטער אָפּצוקירעווען דעם טייך אין אַ געוויסער שעה צו אַ גרויסען קינסטליכען רעזערוואואַר וואָס האָט זיך געפונען אביסעל אויבען־אי־בער דער שטאָדט; דער צווייטער צו נעהמען זייער פּאָזיציע אין דעם אָרט וואו דער טייך האָט אריינגעפלאָסען אין דער שטאָדט; דער דריטער צו נעהמען זיין פּאָזיציע פּופצעהן מייל אונטען, וואו דער טייך איז ארויסגעגאַנגען פון דער שטאָדט; און דיעזע צוויי לעצטע רעגימענטען זיינען אינסטרואירט געוואָרען אריינצוגעהן דורך דעם קאַנאַל אַזוי גיך ווי מען האָט עס געקענט אריבער־געהן צו־פוס, און אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט אויספּאָרשען זייער וועג הינטער די וועגט ביז צום קעניגליכען פּאַלאַץ, וואוביידע רעגימענטען זאָלען זיך צוזאַמענטרעפען, באַפאַלען דעם פּאַלאַץ, טויטען די וועכטער, און פאַנגען אָדער טויטען דעם קעניג.“

„אָבער דאָס אַלעס וואָלט געווען אומזיסט, ווען די גאַנצע שטאָדט וואָלט ניט געווען אין אַ בארוישטען צושטאַנד און איבערגעגעבען צו ווילדער צו־לאָזענהייט, אַ צושטאַנד אויף וועלכע כורש האָט טאַקע אויך ספּעקולירט אום דורכצופיהרען זיין פּלאַן. אויף ביידע זייטען פון טייך, די גאַנצע לענג פון דער שטאָדט, זיינען געווען וועגט פון גרויסער הויך, און אַזוי דיק ווי די אויסערע שוץ־וועגט. אין דיעזע וועגט זיינען געווען קאָלאָסאַלע טויערען פון מאַסיווען מעש, און אַזוי לאַנג ווי דיעזע טויערען זיינען געווען צוגעמאַכט האָט מען ניט געקענט אריין אין דער שטאָדט, און כורש'ס סאָלדאַטען וואָלטען געקענט דורכמאַרשירען דעם גאַנצען טייך, און וואָלטען געמוזט צוריק ארויס, ווייל אין דער שטאָדט גופא וואָלטען זיי ניט געקענט אריינדרינ־גען. אָבער אין דער שכור'ער הוליאַנקע פון יענער פאַטאַלער נאַכט, האָט מען יענע טויערען פאַרפעהלט צוצומאַכען, און קיינער האָט אפילו ניט באַמערקט ווי די מעדאָ־פּערסען זיינען אריין אין דער שטאָדט.“

„כורש'ס סאָלדאַטען האָבען צוערשט באַוויזען זייער אָנקומען אין דער שטאָדט מיט באַפאַלען די קעניגליכע וואַך אין דעם קאָרידאָר פון קעניגליכען פּאַלאַץ גופא. בלשאצר האָט זיך באַלד דערוואוסט וועגען דעם, און איז ערמאָר־דעט געוואָרען אַלס ער האָט אומזיסט געקעמפט פאַר זיין לעבען. דיעזער באַנקעט פון בלשאצר ווערט באַשריבען אין דעם 5טען קאַפּיטעל פון דניאל; און די סצענע ענדיגט זיך מיט דעם איינפאַכען באַריכט: „יענע נאַכט איז בלשאצר, מלך כשדים, ערמאָרדעט געוואָרען, און דריוש, דער מדי, האָט גענומען דאָס קעניגרייך, אין עלטער פון צוויי און זעכציג יאָהר. „דניאל און די אַנטפּלעקונג.“ פון אוריה סמיט. זז. 56־59.

ווען דער יונגער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די מעדאָ־פּערסישע אַרמעען, און זיגער איבער בבל, האָט אריינגעמאַרשירט אין דעם שעהנעם פּאַלאַץ פון בבל, האָט ער זיך געטראָפען פּנים על פּנים מיט דעם אַלטען נביא דניאל. דיעזער

אינטעליגענטער פערסיער איז זעהר העפליך באגריסט געוואָרען פון דעם גע־טרייען נביא. שוין דער אויסזעהן פון דיעזען געטליכען מאַן האָט אימפּאָנירט דעם יונגען קריעגס־מאַן. ווי אינטערעסאַנט עס וואָלט געווען בייצווזיין ווען דיעזע צוויי האָבען זיך געטראָפען און זיך צוהערען צו זייער געשפּרעך! מיר שטעלען זיך פאָר אַז עס איז צווישען זיי פאָרגעקומען דער פאָלגענדער דיאַלאָג:

דניאל: דיין נאָמען איז כורש?

כורש: יאָ; פון וואנען קענט איהר מיך?

דניאל: איך האָב וועגן דיר געלעזן אין די שריפטען פון געטליכן נביא.

כורש: וואָס מיינט איהר צו זאָגען דערמיט?

דניאל: דו האָסט געהאַט אַ גרויסען זיעג; דו האָסט בייגעקומען אומגעהייערע שוועריגקייטען; אָבער דער הערשער פון די הימלען האָט הונדערט און פופציג יאָהר צוריק, און איבער הונדערט יאָהר איידער דו ביסט געבוירען געוואָרען, פאָראויסגעזאָגט דאָס וואָס דו האָסט היינט אויפגעהטון.

כורש: קענט איהר דערווייזען אַז אייערע באַהויפּטונגען זיינען ריכטיג?

דניאל: געוויס קען איך דאָס דערווייזען.

דערביי האָט דער נביא דניאל ארויסגעבראַכט דאָס ספר ישעיה, און אַלס ער ראָלט עס פאַנאַנדער, לעזט ער ווי פאָלגט:

„וואָס זאָגט צו דער טיפּעניש, זיי טרוקען, און איך וועל אויסטרוקענען דיינע שטראָמען. דער וואָס זאָגט צו כורש'ן: ער איז מיין הירט, און מיין יע־דען פאַרלאַנג וועט ער ערפילען,...אזוי האָט גאָט געזאָגט צו זיין געזאַלבטען, צו כורש'ן וועמעס רעכטע האַנד איך האַלט צו באַזיעגען פעלקער פאַר איהם, און איך וועל אויפבינדען די לענדען פון קעניגע, צו עפענען פאַר איהם די דאָפּעלטע טויערען; און די טויערען וועלען ניט פאַרמאַכט ווערען; איך וועל געהן פאַר דיר, און די קרומע ערטער גלייך מאַכען; און איך וועל אויף שטיקער צו־ברעכען די מעשענע טויערען, און צושניידען די אייזערנע ריגלען. און איך וועל דיר געבען די פאַרבאָרגענע עוצרות, און די געהיימע רייכטימער, כדי דו זאָלסט וויסען אַז איך, גאָט, וועלכער האָט דיך גערופען ביי דיין נאָמען, בין דער גאָט פון ישראל. צוליב יעקב, מיין קנעכט און ישראל מיין אויסדערוועהל־טען, האָב איך דיך גערופען ביי דיין נאָמען; איך האָב דיך אָנגערופען כאָטש דו האָסט מיך ניט געקענט. איך בין גאָט און קיינער איז מעהר, און חוץ מיר איז ניטאָ קיין גאָט; איך האָב דיך אָנגעגורט כאָטש דו האָסט מיך ניט גע־קענט.“ ישעיה 28,27:44; 45:1־5.

כורש: און ווער איז דער וואָס האָט דיעזע שליחות אָנגעשריבען?

דניאל: זיין נאָמען איז ישעיה. ער איז געווען אַ געטליכער נביא.

כורש: לעבט נאָך יענער נביא?

דניאל: אַ ניין; ער איז שוין טויט איבער הונדערט יאָהר.

כורש: קענט איהר מיר זאָגען ווי אזוי ער האָט געקענט שרייבען וועגען מיר?

ד נ י א ל: פון זיך זעלבסט האָט ער דאָס ניט געקענט טוהן; אָבער דער הימלישער גאָט, דער אייביגער און אַלוויסענדער באַשאַפער וועלכער ווייסט די ענדע פון אָנהויב, האָט פאָראויסגעזאָגט אַז דאָס פּרעכטיגע בבל וועט צו־שטערט ווערען. צו ישעיה דעם נביא האָט גאָט אַנפאַרטרויט די שליחות און ער האָט עס פאַרשריבן אין דער מגילה אַז דאָס „גאָלדענע" קעניגרייך פון בבל זאָל נידערגעשטירצט ווערען. גאָט האָט אויך דעם נביא אַנטפּלעקט אַז דער נאָמען פון דעם זיגער וואָס וועט דורכפיהרען דיעזע גיגאַנטישע ארבייט איז כורש. און דו ביסט עס דער מאַן.

כ ו ר ש: און דו זאָגסט אַז דער הימלישער גאָט האָט באַשלאָסען אַז בבל זאָל צושטערט ווערען? ווערט עס אַזוי ערקלעהרט אין דער מגילה?

ד נ י א ל: אָט ווי עס ווערט געשריבען: „די פּראָפעצייאונג פון בבל איבער וועלכע עס האָט פּראָפעצייעט ישעיהו דער זוהן פון אמוץ: זעה איך וועל קענען זיי דערוועקען די מדי, וועלכע אַכטען ניט קיין זילבער, און גאָלד שעצען זיי ניט. דו זאָלסט אויפהויבען דיעזען משל קעגען דעם קעניג פון בבל און זאָגען: אַה, ווי האָט אויפגעהערט דער אונטערדריקער, ווי די גייציגע שטאָדט האָט אויפגעהערט!" „ווייל איך וועל אויפשטעהן קעגען זיי, זאָגט דער גאָט פון די ערשאַפטען, און וועל אויסראָטען פון זיי דעם נאָמען און יעדען שפּור, און זוהן און אייניקעל, זאָגט גאָט." ישעיה 17,1:13; 22,4:14.

אַזוי ערקינדיגען מיר זיך אַז איבער אַ הונדערט און פופציג יאָהר איידער בבל האָט געליטען איהר נידערלאַגע, האָט שוין די ביבעל פאָראויסגעזאָגט איהר טראַגישען שיקזאַל. יעדער שריט און דער פּלאַן פון איינגעהמען די הויפּט־שטאָדט איז פון פריהער אָנגעוויזען געוואָרען. אַפילו דער נאָמען פון דעם העל־דישען מאַן וועלכער האָט אָנגעפיהרט די אַרמעען, און האָט דורכגעפיהרט די וואונדערבאַרע סטראַטעגיקע וועלכע האָט די שטאָדט איינגענומען, איז אויך אָנגעגעבען געוואָרען. די פּינקטליכע באַשרייבונג פון שפּעטערע היסטאָריקער וועגען דער נידערלאַגע פון דער מעכטיגסטער אימפּעריע פון דער וועלט שטימט מיט די נבואות פון ישעיה און ירמיהו. ווען דניאל האָט דאָס אַלץ ערקלעהרט צום אינטעליגענטען און בראַווען כורש, האָט ער איבערצייגט זיין אָנקעל דריוש אַז דניאל פאַרדיענט אַז ער זאָל אָנהאַלטען זיין אַמט פון פּרע־מיער אויך אין דער פאַראייניגטער מעדאָ־פּערסישער אימפּעריע. ווען דריוש איז געשטאָרבען האָט כורש נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען דניאל'ן אין זיין וויכטיגען אַמט; ווייל עס שטעהט געשריבען: „דניאל האָט אָנגעהאַלטען ביז'ן ערשטען יאָהר פון קעניג כורש." דניאל 21;1.

מערקווירדיגער פאָראויסזעהן! וואונדערבאַרע וויסענשאַפט! אַקוראַטע, פּינקטליכע, פּראָפעטישע אינפאָרמאַציע געפינען מיר אין דער ביבעל! זי זאָגט פאָראויס נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע געשעהנישען צעהנדליגע, יאָ, הונדערטער יאָהרען איידער זיי ווערען היסטאָרישע פאַקטען.

קאַפּיטעל 3

דאָס פאַרשפּראָכענע קעניגרייך האַלט ביים קומען

דער גלוסטען נאָך וועלט־פריעדען איז אזוי אַלט ווי די מענשהייט. דיעזער אידעאַל איז אויסגעדריקט געוואָרען פון דיכטער, פילאָזאָף, טרוימער און דיפּלאָמאַט. אָבער ווי א רעגען־בויגען דערווייטערט זיך אזוי שנעל ווי מע לויפט נאָך איהם, אזוי האָט דער וועלט־שלום ביז היינט זיך ארויסגעדרעהט פון יעדען פאַרזוך עס צו פאַנגען, און די וועלט איז נאָך אַלץ א צוטיילטע. פיעלע זיינען די רפואות וועלכע ווערען אָנגעגעבען צו היילען די שנאה'שאַפטן, די שטרייטעריען צווישען נאַציאָנען, ראַסען און שבטים, אָבער אפילו ווען דיעזע מיטלען וואָלטען געווען אמת ווירקזאַמע, האָט קיינער ניט די אָוטאָריטעט אָדער די מאַכט אָנצואווענדען זיי אין דער גאַנצער וועלט. דערווייל זאַמלען זיך אָן קריעגס־כמאַרעס איבער'ן האָריזאָנט, און א צווייטער וועלט־קריעג קען יעדען מאָמענט אויסברעכען איבער אונזער ערד.

אָבער וועהרענט דעם מענשען'ס פלענער זיינען קאַפּריזענע און אָפּגעניצטע, און כאָטש פון מענשליכען שטאַנדפּונקט זעהט די צוקונפט אויס האָפענונגס־לאָז און פינסטער, איז עס דערפרעהענד צו וויסן אַז גאָט האָט א פּראָגראַם פאַר דער צוקונפט, וועלכען ער האָט די קראַפט און די אָוטאָריטעט דורכצופיהרען. איבער 2500 יאָהר צוריק האָט ער אַנטפּלעקט צו דניאל הנביא דעם גאַנג פון וועלט־פּאַסירונגען ביז צום סוף פון דער וועלט. דיעזע אַנטפּלעקונג איז פאַראַן אין 2טען קאַפּיטעל דניאל, אין פאַרבינדונג מיט א חלום וועלכען נבוכדנצר, קעניג פון בבל, האָט געטרוימט, אָבער דעם אינהאַלט פון וועלכען חלום ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען דעם פאָלגענדען פריהמאָרגען. אַלע חכמים, שטער־רען־זעהער, און מכשפים פון לאַנד זיינען גערופען געוואָרען ארויסצוהעלפען דעם קעניג. זיי האָבען פּרעטענדירט צו באַזיצען איבערנאַטירליכע חכמה, און פעהיגקייט צו טרעפען רעטענישן, פאַר וועלכע מע פלעגט זיי געבען באַזונדע־רע פּריווילעגיעס. איצט איז געקומען די געלעגענהייט זיי זאָלען באַווייזען זייער גרויסמעכטיגע וויסענשאַפט דורך טרעפען דעם קעניג'ס חלום. צוערשט האָבען זיי געזוכט דורך קינציגע דריידלאַך אויסמיידען די גאַנצע זאַך, אָבער ווען דער קע־ניג איז באַשטאַנען אויף זיין פאָדערונג, האָבען זיי זיך נעבאַך געמוזט מודה זיין אַז צו טרעפען דעם חלום איז איבער זייערע קרעפטן. אזוי האָבען זיי באַוויזען אַז זיי זיינען אַפּעריסטען, און דער אויפגעבראַכטער קעניג האָט זיי פאַר'משפּט צום טויט.

זיינען אָבער געווען אין בבל אידישע געפאַנגענע, און צווישען זיי דניאל

און זיינע דריי חברים, געטרייע אָנהענגער פון גאָט, וועלכע זיינען געווען גערעכענט צווישען די חכמים, און זיינען דאריבער פאַר'משפט געוואָרען צו שטאַרבען מיט די באַטריגער. אָבער אַלס זיי האָבען געבעטען צום גאָט פון הימעל האָט דער אַלמעכטיגער, וועמעס אויגען „לויפען הין און הער איבער דער גאַנצער ערד, כדי צו שטאַרקען די וועמעס האַרץ איז פאָלשטענדיג מיט איהם,“ (דברי הימים ב 9:16) געהערט זייער געבעט, און האָט אַנטפּלעקט צו זיי דעם טרוים און די באַדייטונג. אַזוי זיינען געראַטעט געוואָרען פון טויט, ניט נאָר זיי, נאָר אויך די כאַלדעאישע מכשפים. כאָטש די רשעים באַגרייפען עס ניט, איז עס אָבער אמת אַז זייערע לעבענס ווערען אָפטמאָל געשוינט צו־ליעב די עטליכע גאָטספאָרכטיגע מענשען וועלכע לעבען צווישען זיי.

ווען מען האָט דניאל'ן געבראַכט פאַר נבוכדנצר'ן האָט ער גלייך ער־קלעהרט אַז פון זיך זעלבסט באַזיצט ער ניט קיינע איבערנאַטירליכע וויסענ־שאַפט, אָבער, „עס איז דאָ אַ גאָט אין הימעל, וועלכער לאָזט וויסען דעם קע־ניג וואָס עס וועט געשעהן די ל ע צ ט ע צ יי ט ע ן.“ יעצט, ווי אַמאָל, זיינען פאַראַן מענשען וועלכע פּרעטענדירען צו וויסען די צוקונפט, אָבער באמת באַזיצט דיעזע אייגעשאַפט נאָר דער גאָט פון דער ביבעל. „געדענקט די פּאַסירונגען פון אַלטע צייטען, ווייל איך בין גאָט, און קיין אַנדערער איז ניטאָ...וועלכער ערקלעהרט די ענד פון אָנהויב, און פון אַלטע צייטען זאַכען וועלכע זיינען נאָך ניט געשעהן.“ ישעיה 10,9:46. די זעהונגס־קראַפט אונטערשיידעט גאָט פון אַלע פאַלשע געטער, אָדער רעליגיעס, און באַווייזט אַז די ביבעל איז באַגייסטערט פון הימלישען קוואַל. נבוכדנצר'ס חלום איז אַן איבערציינגענדער ביישפּיעל פון געטליכער מאַכט פאַראויסצוזאָגען פּאַ־סירונגען, און אַזוי ווי די נבואות באַציהט זיך אויף די ל ע צ ט ע צ יי ט ן, איז עס פון באַזונדערער באַדייטונג פאַר אונס וועלכע לעבען אין דיעזער שעה פון דער וועלט־געשיכטע.

נבוכדנצר איז ערשטוינט געוואָרען אַלס ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם נביא'ס פּינקטליכער שילדערונג פון זיין פאַרגעסענעם חלום:

„דו, אָ קעניג, האָסט געזעהן, און זעה, אַ גרויסע געשטאַלט. דיעזע גע־שטאַלט,“ וועמעס גלאַנץ איז געווען אויסערגעוועהנליך, איז געשטאַנען פאַר דיר, און איהר פאָרם איז געווען מורא'דיג. דער קאָפּ פון דער געשטאַלט איז געווען פון פיינעם גאָלד, איהרע ברוסט און אָרעמס פון זילבער, איהר בויך און דיכען פון מעש, איהרע פוס־ביינער פון אייזען, און איהרע פיס טיילוויין אייזען, און טיילוויין ליים. דו האָסט געקוקט ביז אַ שטיין איז אויסגעשניטען געוואָרען אָהן הענד, וועלכער האָט אַ שלאָג געטהון די געשטאַלט אויף איהרע פיס וועלכע זיינען געווען פון אייזען און ליים, און האָט זיי צובראָכען אויף שטיקלאַך. דאַן איז אויף שטיקלאַך צובראָכען געוואָרען דאָס אייזען, דאָס ליים, דאָס מעש, דאָס זילבער, און דאָס גאָלד, און איז געוואָרען ווי דאָס שפּריי פון דעם זומער־דרעש־שייער; און דער ווינט האָט זיי אַלעמען אוועק־

די געשטאַלט פון די פיער מעטאַלען וועלכע נבוכדנצר האָט געזעהן אין זיין טרוים וועלכען דניאל האָט אויסגעטייטשט

געטראָגען, ביז עס איז ניט פאַרבליבען קיין אָרט פאַר זיי. און דער שטיין וועלכער האָט דאָס געשטאַלט געשלאָגען, איז געוואָרען א גרויסער בארג, און האָט אָנגעפילט די גאַנצע ערד. דאָס איז דער טרוים; און איצט וועלען מיר דעם קעניג ערקלעהרען די אויסטייטשונג דערפון." דניאל 2:31-36.

אַלס דער קעניג האָט אין דיעזער שילדערונג דערקענט זיין חלום, האָט ער מיט שפּאַנענדען אינטערעס זיך צוגעהערט צו דער אויסטייטשונג:

„דו, אָ קעניג, ביסט א קעניג פון קעניגע; ווייל דער גאָט פון הימעל האָט דיר געגעבען א קעניגרייך, מאַכט, קראַפט און כבוד...דו ביסט דיעזער קאָפּ פון גאָלד." פּפּ. 38,36 (לעצטער טייל).

אַזוי ווי גאָלד איז דאָס פיינסטע פון אַלע מעטאַלען, אַזוי איז בבל געווען דאָס רייכסטע און פּרעכטיגסטע פון אַלע אירדישע אימפּעריעס, און איז ריכטיג סימבאָליזירט געוואָרען דורך דעם גאָלדענעם קאָפּ פון דער סטאַטוע. איהר הויפּטשטאָדט, בבל, איז באַצייכענט אין דער ביבעל אַלס „די גאָלדענע שטאָדט," „דער גאָלדענער בעכער," „די הערשערין פון די מליכות." (זעה ישעיה 4:14; 5:47; ירמיהו 7:51.) אָבער כאָטש זי איז געווען מעכטיג און רייך, האָט זי ניט געקענט שטעהן אייביג, ווייל ווי דער נביא האָט געזאָגט: „נאָך דיר וועט אויפשטעהן א צווייטע קעניגרייך, שוואַכער פון דיר." פּ. 39, ערשטער טייל. אַזוי ווי זילבער איז פון קליינערען ווערטה איידער גאָלד, אַזוי האָט די פאָלגענדע וועלט-אימפּעריע, וועלכע איז געווען סימבאָליזירט דורך די ברוסט און אָרעמס פון זילבער, געזאָלט זיין נידריגער פון בבל. האָט די היס-טאָריע באַשטעטיגט דיעזע נבואות? אין קאַפּיטעל 2 פון דיעזען ביכעל, איז פאַראַן א באַשרייבונג פון א אויסערגעוועהנליכער שטיק סטראַטעגיקע דורך וועלכער בבל איז איינגענומען געוואָרען פון די מעדאָ-פּערסען אונטער כורש'ן אין 538 פ. קר.. אין עזרא 2:1 ערפאַהרען מיר אַז מעדאָ-פּערסיע האָט אריינ-געשלאָסען „אַלע קעניגרייכען פון דער ערד," אָבער, ווי דער נביא האָט געזאָגט, האָט זי זיך ניט געקענט פאַרגלייכען צו בבל אין רייכקייט אָדער פּראַכט.

איבערלאָזענדיג די צווייטע וועלט-אימפּעריע, געהט דער נביא ווייטער: „און א דריטע קעניגרייך פון מעש (וועט אויפשטעהן) וועלכע וועט הערשען איבער דער גאַנצער ערד." פּ. 39, לעצטער טייל. אין א ווייטערדיגען קאַפּיטעל ווערט דייטליך ערקלעהרט אַז דיעזע דריטע קעניגרייך איז גריכענלאַנד. זעה דניאל 8: 21,2. מיר ציטירען פון א גוט-באַקאַנטען קוואַל:

„ער (דער מעדאָ-פּערסישער קעניג) איז געשלאָגען געוואָרען ביי גראַניקוס, ביי איססוס, און אין 331 ביי ארבעלא, און איז דערנאָך געטויטעט געוואָרען פון איינעם פון זיינע פּרינצען. אַלעקסאַנדער דער גרויסער האָט דאַן פאַר-נומען זיין אימפּעריע." „היסטאָריענס היסטאָרי אָוו די וואָירלד," 2טער טאָם, ז. 631. ניו יאָרק; די אוטלוק קאָמפּאַני, 1904.

מעטעאָריש ווי אַלעקסאַנדער האָט אויסגעוואַקסען אַלס מיליטערישער געניוס, איז זיין סוף געווען נאָך א שנעלערער. דער וועלכער האָט באַהערשט

די וועלט האָט פאַרפעהלט צו באַזיעגען זיינע אייגענע ליידענשאַפטען, און ער איז געשטאָרבען נאָך אַ מורא׳דיגער אַלקאָהאָלישער הוליאַנקע אין דער עלטער פון צוויי און דרייסיג יאָהר. ריכטיג באַמערקען די שריפטען אַז, „דער וועלכער איז לאַנגזאַם צו צאָרן איז שטאַרקער ווי די גיבורים, און דער וועלכער באַהערשט זיין אייגענעם געמיטה איז גרעסער ווי דער וועלכער נעהמט איין אַ שטאָדט.“ משלי 32:16. נאָך אַלעסאַנדער׳ס טויט, איז גריכענלאַנד צוטיילט געוואָרען צווישען זיינע פיער גענעראַלען. אַזוי האָט זיך געענדיגט די דריטע אימפּעריע, און דער נביא זאָגט מיט הודערטער יאָהרען פאַראויס וואָס עס וועט ווייטער געשעהן:

„און דאָס פיערטע קעניגרייך וועט זיין שטאַרק ווי אייזען, ווייל דאָס אייזען צוברעכט אויף שטיקער און באַזיעגט אַלעס; און ווי דאָס אייזען צוברעכט אַלע דיעזע, אַזוי וועט עס צוברעכען אויף שטיקער און צושטויסען. דניאל 40:2. נאָר איין אימפּעריע שטימט מיט דיעזער שילדערונג אין יעדער איינצעלהייט, און דאָס איז „די אייזערנע מאָנאַרכיע פון רוים,“ ווי די רוימישע אימפּעריע איז אַלגעמיין באַקאַנט. גיבאָן, דער באַוואוסטער היסטאָריקער, כאַראַקטעריזירט ריכטיג דיעזע ניי־אויפגעקומענע מאַכט: „די רוימישע אימפּעריע האָט פאַרנומען די וועלט, און ווען יענע אימפּעריע איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון איין מיינשען, איז די וועלט געוואָרען אַ וויסטע געפענגעניש פאַר זיינע שונאים...ווידערשטעהן האָט געמיינט דער טויט, און אַנטלויפען איז געווען אוממעגליך.“ די געשיכטע פון דער מינדערונג און פון אונטערגאַנג פון דער רוימישער אימפּעריע,“ קאַפּ. 3, פּאַראַגראַף 37. פון וואַנען קענען די הייליגע שריפטען אַזוי פּינקטליך פאָראויסזאָגען די כאַראַקטער־שטריכען פון דער אימפּעריע פון די צעזאַרס, סיידען זיי זיינען באַגייסטערט פון דעם אַלמעכטיגען גאָט פאַר וועלכען „אַ טויזענט יאָהר זיינען ווי איין טאָג?“ תהלים 4:90.

וועט דיעזע גרויסע אייזערנע מאָנאַרכיע „שטאַרק ווי אייזען“ שטעהן אויף אייביג? אַלס מיר באַטראַכטען די זעהונג און די געשיכטע מוזען מיר קומען צום באַשלוס אַז קיינע מענשליכע אינסטיטוציע איז ניט דויערהאַפטיג. דעגענעראַציע און צעפאַלונג איז דאָס גורל פון מענשליכע רעגיערונגען. די „גאָלדענע“ אימפּעריע פון בבל איז פאַרנומען געוואָרען פון דער „זילבערנער“ מעדאָ־פּערסישער מאָנאַרכיע, די „זילבערנע“ מליכה איז דערנידריגט געוואָרען צום „מעש“ פון גריכענלאַד, און דאָס „מעשענע“ קעניגרייך איז איינגענומען געוואָרען פון דער „אייזערנער“ מאָנאַרכיע פון די רוימישע לעגיאָנען. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, ווייל דער נביא זאָגט אַלס ער געהט פאַרביי דאָס גאָלד, דאָס זילבער, דאָס מעש, און דאָס אייזען פון דער פּראָפעטישער געשטאַלט:

„און וואָס דו האָסט געזעהן די פיס און די פוס־פינגער טייל פון ליים און טייל פון אייזען, וועט דאָס קעניגרייך צוטיילט ווערען.“ פּ. 41. אפילו דאָס

אייזען מוז אויך דעגענערירען, און דאָס מעכטיגע רוים מוז אונטערגעהן. מע דאַרף נאָר אריינקוקען אין וועלכער היסטאָריע מע וויל צו מערקען ווי בוכ־שטעבליך דיעזע זעהונג איז ערפילט געוואָרען. צווישען די יאָהרען 331 און 476 נ. ק. איז די רוימישע אימפעריע שטופענווייז אָבער זיכער צוריסען גע־וואָרען אויף שטיקער דורך די אָנגריפענדע באַנדעס פון צעהן באַרבאַרישע שבטים וועלכע האָבען אויפגעשטעלט זייערע מליכות אויף די רואינעס פון וועסטליכען רוים. דיעזע צעהן פעלקער זיינען באַקאַנט אלס די אַלעמאַני, פראַנקען, בורגונדיער, סועווער, וויזיגאָטהען, אַנגלאָ־זאַקסען, לאָמבאַרדען, וואַנדאַלען, אָסטראָגאָטעהן, און הערולי. די איצטיגע נאַציאָנען פון אייראָפּאַ זיינען אין אַ גרויסער מאָס דער רעזולטאַט פון אָט דיעזער צעשפּליטערונג פון רוים. שוין די נעמען פון די אייראָפּעאישע לענדער ציינען מעהרסטענס אָן אויף זייער באַרבאַרישער אָפּשטאַמונג: ענגלאַנד (אַנגלאָ־זאַקסען), דייטש־לאַנד (אַלעמאַני), פראַנקרייך (פראַנקען), די שווייץ (בורגונדיער), פּאָרטוגאַל (סועווער), שפּאַניע (וויזיגאָטהען), און איטאַליע (לאָמבאַרדען).

אזוי ווי די פוס־פינגער זיינען דער לעצטער טייל פון דער סטאַטוע, אזוי איז דיעזער צושטאַנד פון דער צוברעקעלטער רוימישער אימפעריע דאָס לעצטע שטאַפּעל פון דער וועלט־געשיכטע. וועדליג דער נבואות דאַרף זיין דניאל'ס צייט עקזיסטירען פיער וועלט־אימפעריעס——בבל, מעדאָ־פּערסיע, גריכענלאַנד, און רוים, און די געשיכטע, וועלכע איז די דיענסט פון נבואות, באַשטעטיגט אַז עס זיינען טאַקע געווען פיער אַזעלכע אימפעריעס, ניט מעהר און ניט וועניגער. פיעלע פּאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען צו פאַראייניגען דאָס צוברעקעלטע אייראָפּאַ אין אַ נייער וועלטמאַכט, אָבער אַלע דיעזע פּאַר־זוכען האָבען געפּלאַצט ווי אַ זייפען־בלאָז. קלאָוויס, קאַרל דער פינפטער, לואיס דער 14טער, און נאַפּאָלעאָן האָבען עס פּרובירט אָבער זייערע האָפע־נונגען זיינען צושמעטערט געוואָרען, און זיי זעלבסט האָבען געליטען אַ פּאָלקאָמענע נידערלאַגע. לסוף האָט עס פּאַרזוכט קאַיזער ווילהעלם ווען ער האָט אַ שליידער געטהון זיינע רעגימענטען קעגען בעלגיע און האָט אזוי פאַראורזאַכט די גרעסטע בלוטיגע פּאַנאָראַמאַ פון דער געשיכטע. איצט פאַרברענגט ער זיינע לעצטע טעג אין גלות, און אייראָפּאַ בלייבט נאָך צו־ברעקעלטער איידער פריהער. זאָגט דער נביא:

„ווי דו האָסט געזעהן דאָס אייזען געמישט מיט ליים, וועלען זיי זיך אויס־מישען מיט די מענשליכע זאָמען, אָבער זיי וועלען זיך ניט קלעפּען איינע צו דער אַנדערער, אזוי ווי אייזען קלעפּט זיך ניט מיט ליים.“ פּ. 43.

דאָס וואָס די מיליטערישע דיקטאַטאָרס האָבען ניט אויסגעפיהרט דורך בלוט־פאַרגיסונג, האָבען רעגיערונגען געזוכט צו ערדייכען דורך פריענד־ליכע מיטלען, און דאָס פּאָפּולערסטע מיטעל איז געווען „זיך אויסמישען מיט די מענשליכע זאָמען,“ דאָס הייסט, געמישטע חתונות צווישען אייראָפּעאישע קעניגליכע פאַמיליעס. דיעזער מנהג איז געוואָרען אזוי אַלגעמיין, דאָס ווען

דער וועלט־קריעג האָט אויסגעבראָכען האָט מען עס אָנגערופען אַ „פאַמיליען־קריגערייי." דער ענגלישער קעניג, דער רוסישער צאַר, און דער קעניג פון גריכענלאַנד זיינען אַלע געווען ערשטע שוועסטערקינדער פון נאָרוועגישען און דענישען קעניגע, און ערשטע שוועסטערקינדער צווישען איינאַנדער, און אַלע פינף זיינען געווען אייניקלאך פון קריסטיאַן דעם 9טען פון דענעמאַרק. דער ענגלישער קעניג און דער געוועזענער קאַיזער ווילהעלם זיינען שוועסטער־קינדער. די געוועזענע צאַרינע פון רוסלאַנד, די קעניגין פון נאָרוועגיע, און די קעניגין פון גריכענלאַנד זיינען אַלע געווען אייניקלאך פון דער ענגלישער קעניגין וויקטאָריע, און דאַריבער קוזינעס. דער דייטשער קאַיזער און די קעניגין סאָפיע פון גריכענלאַנד זיינען געווען ברודער און שוועסטער. און אַזוי ווייטער „אַד אינפיניטום."

אָבער דיעזע חתונות צווישען קעניגליכע פאַמיליעס אָדער די אויסמישונג „מיט די מענשליכע זאָמען," ווי דער נביא רופט עס, האָט פאַרפעהלט צו צעמענטעווען די אייראָפּעאישע לענדער, און דער פאַקט וואָס די פאַרשיידענע הערשער זיינען געווען אַזוי נאָהענט פאַרוואַנדעט האָט ניט געהאָלפען אויס־מיידען דעם גרויסען און בלוטיגען וועלט־קריעג און די אַנדערע מלחמות פאַר און נאָך דעם וועלט־קריעג. ווי ריכטיג האָט אַלזאָ דער נביא פאָראויסגעזאָגט וועגען זיי אַז, „זיי וועלען זיך ניט קלעפּען איינע צו דער אַנדערער, אַזוי ווי אייזען קלעפּט זיך ניט מיט ליים."

„און אין די טעג פון דיעזע קעניגע וועט גאָט אויפשטעלען אַ קעניגרייך וועלכע וועט קיינמאָל ניט צושטערט ווערען." פ. 44, ערשטער טייל. נאָך דעם ווי מענשען האָבען אומזיסט אויסגעשעפּט אַלע מיטלען צו ברענגען פריע־דען אויף אונזער ערד, וועט גאָט איבערנעהמען די לייצעס, און וועט שליכטען דאָס פּראָבלעם אויף אייביג. אַ נייע וועלט־קעניגרייך וועט אויפגעשטעלט ווערען, אָבער דיעזע קעניגרייך וועט ניט זיין קיין פּאָליטישע קעניגרייך; ניט מענשען, נאָר „דער גאָט פון הימעל" איז דער גרינדער פון יענער נייער וועלט־מליכה. „ווייל דו האָסט געזעהן אַז דער שטיין איז אויסגעשניטען געווען אויס'ן באַרג אָהן הענט, און עס האָט צעבראָכען אויף שטיקלאך דאָס אייזען, דאָס מעש, דאָס זילבער, און דאָס גאָלד,——האָט דער גרויסער גאָט געלאָזען וויסען דעם קעניג וואָס עס וועט געשעהן אין די ל ע צ ט ע צ יי ט ע ן." פפ. 45,44. דיעזע נייע אימפּעריע וועט ניט זיין קיין געמישאַכץ מיט איר־דישע מליכות, ווייל, „עס האָט צעבראָכען אויף שטיקלאך" אַלע דיעזע ו'ע־גיערונגען. די גרויסע ענדערונג וועט געמאַכט ווערען „אָהן הענד," אָהן מענשליכער הילף. דער לעצטער קראַך פון אירדישער הערשאַפט וועט פאַר־אורזאַכט ווערען פון גאָט זעלבסט, און, אַזוי ווי דער שטיין וועלכער האָט די סטאַטוע צעבראָכען האָט, לויט דעם נביא'ס ווערטער, אָנגעפילט די גאַנצע ערד, אַזוי וועט פון דאַן אָן גאָט זעלבסט זיין דער אייביגער קעניג איבער דער גאַנצער וועלט. אָבער ווען וועט עס געשעהן? „אין די טעג פון דיעזע קעניגע."

וועלכע קעניגע? די קעניגע וועלכע זיינען דערמאָנט געוואָרען, די איצטיגע רע־גיערונגען פון אייראָפּאַ, די רעשטען פון דעם צוטיילטען רוים. און וואָס וועט דאָס נייע קעניגרייך טהון מיט די איצטיגע רעגיערונגען? זאָגט דער נביא, „עס וועט צוברעכען אויף שטיקלאך און פאַרצעהרען אַלע דיעזע קעניגרייכען, און וועט בלייבען אויף אייביג."

„דער חלום איז אמת, און זיין אויסטייטשונג איז ריכטיג." 45, לעצטער טייל. אזוי פּינקטליך איז געווען די שילדערונג פון דעם חלום דאָס אפילו נבוכדנצר, כאָטש ער איז אַליין געווען אַ געצענדינער, האָט געמוזט אנערקענען אַז דניאל'ס גאָט איז אַ „גאָט איבער געטער, און אַ האַר איבער קעניגע, און אַ אנטפּלעקער פון סודות." דער חלום איז אמת," אָבער, זאָגט דער נביא, „די אויסטייטשונג איז ריכטיג." די אויסטייטשונג איז ניט וועניגער אמת, פּינקטליך און צוטרויאונגס־ווערטה ווי דער חלום. פיער־פינפטלאָך פון דער אויסטייטשונג איז שוין באַשטעטיגט געוואָרען פון דער געשיכטע. בבל, מעדאָ־פּערסיע, גריכענלאַנד, און רוים, סימבאַליזירט פון דעם גאָלד, זילבער, מעש, און אייזען, זיינען שוין ערשינען און פאַרשוואונדען. דער גרעסטער טייל פון וואָס עס איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרען איז שוין ערפילט געוואָרען, און דאָס איבריגע וועט אויך באַשטימט ערפילט ווערען.

„און דאָס קעניגרייך און די הערשאַפט, און די גרויסקייט פון דעם קע־ניגרייך אינטער'ן גאַנצען הימעל וועט איבערגעגעבען ווערען צום הייליגען פאָלק פון דעם אויבערשטען, וועמעס קעניגרייך איז אַן אייביגעס קעניגרייך, און אַלע הערשאַפטען וועלען איהם דיענען." דניאל 27:7.

כאָטש די בירגערשאַפט פון געטליכען קעניגרייך וועט צונויפגעשטעלט ווערען פון מענשען פון אַלע פעלקער, ראַסען און שבטים, באַזיצען זיי אָבער אַלע דיעזע איינענשאַפט: „דאָס פאָלק וואָס וואוינט דאָרט, איהם וועט זיינע זינד פאַרגעבען ווערען." ישעיה 24:33.

גאָט וועט זיין זעהר איבערקלייבעריש וועגען די איינוואוינער פון יענעם לאַנד. וואָלט ער אהין אריינגעלאָזען רשעים, וואָלט מען דאָרט איבערגעליטן אויף'ס ניי די אַלע צרות וועלכע די זינד האָבען פאַראורזאכט אין דער פאַר־גאַנגענהייט. אָבער גאָט וועט זיין קעניגרייך ניט שטעלען אין געפאהר. ער וועט ניט אריינלאָזען אהין קיינע געפעהרליכע אָדער צוויי־דייטיגע עלעמענ־טען. נאָר יענע וועלכע האָבען אין זייער הארצען זיך אָפּגעקעהרט פון שלעכ־טען וועג; וועלכע וויסען און גלויבען אַז גאָט האָט זיי פאַרגעבען זייערע זינד; וועלכע האָבען גערייניגט זייערע הערצער אין געהאָרזאמקייט צו דער וואהר־הייט, צו די געטליכע געבאָט, און צו זיין וואָרט; נאָר זיי וועלען האָבען די פריי־וויליגיע פון בירגערשאַפט אין נייעם קעניגרייך. „די גערעכטע וועלען ערבען דאָס לאַנד און וועלען דאָרט וואוינען אויף אייביג." תהלים 29:37.

„דאַן וועלען די אויגען פון די בלינדע אויפגעעפענט ווערען, און די אויערען פון די טויבע וועלען אויפגעשטאָפּט ווערען." ישעיה 5:35. אין יענער

„און א קליין קינד וועט זיי פיהרען.“ ישעיה 6:11.

אייביגער היים פון די ערלעזטע, וועט ניט עקזיסטירען קיין וועהטאג, קיין קראנקהייט, קיין טויט, קיינע לויות, קיינע האספיטעלער. דארט וועט קיינער זיך ניט דארפען שיידען פון די וואס זיינען איהם טייער.

„און די ערלעזטע פון גאט וועלען צוריקקומען, און וועלען קומען קיין ציון מיט געזאנגען און אייביגער פרייד אויף זייערע קעפ; זיי וועלען האבען פרייד און צופרידענהייט, און טרויער און זיפצען וועלען פארשווינדען.“ ישעיה 10:35.

„דער חלום איז אמת, און זיין אויסטייטשונג איז זיכער.“ מאכט איהר געניויע פלענער צוצוגרייטען זיך פאר יענעם קעניגרייך? דערלאזט איהר די נויטיגע טראנספארמאציע אין אייער הארצען און כאראקטער אז איהר זאלט קענען אייביג געניסען פון פארקעהרען מיט די גערעכטע, אדער וועט איהר אומקומען אין דעם לעצטען קראך מיט דעם גאלד, זילבער, מעש, אייזען, און ליים? גאט האט אייך געלאזען וויסען „וואס עס וועט געשעהן אין די לעצטע צייטען.“ אבער איהר אליין קענט אויסקלייבן וואס עס זאל זיין אייער שיקזאל יענעם טאג. די צייט איז צו קורץ אפצולעגען, ווייל מיר לעבען היינט——

„אונטען ביי די פיס פון אייזען און ליים,\
שוואך און צוטיילט, גרייט צו פארגעהן;\
וואס וועט די נעקסטע דראמא זיין?: —\
משיח׳ס קומען, און די אייביגקייט.“

קאַפּיטעל 4

דער מענשהייט׳ס פינסטערע נאַכט

ווערענט כמעט א טויזענט יאָהר פון דער קריסטליכער צייט איז געווען א פעריאָד וועלכער איז באַקאַנט אַלס „דער פינסטערער פּעריאָד.״ כאָטש עס איז צווישען היסטאָריקער פאַראַן אַביסעל מיינונגס־פאַרשיידענהייט וועגען דעם אָנהויב און דער ענדע פון דיזען פּעריאָד, גיט אָבער האַללאַם, דער היס־טאָריקער פון מיטעלאַלטערטום, אָן דעם זעקסטען יאָהרהונדערט אַלס דעם אָנהויב, און דעם זעכצעהנטען אַלס די ענדע.

וואָס האָט פאַראורזאַכט דעם „פינסטערען פּעריאָד?״ וואָס באַדייט דיזער באַגריף? וועבסטער, דער באַוואוסטער פאַרפאַסער פון ווערטער־ביכער טייטשט אויס דעם „פינסטערען פּעריאָד״ צו באַדייטען „א פּעריאָד פון שטילשטאַנד און נישטיגקייט אין ליטעראַטור און קונסט.״ אָבער פון וואַנען האָט זיך גענומען גאַנצע טויזענט יאָהר פון פינסטערניש, פון שטילשטאַנד און נישטיגקייט אין דער ליטעראַטור און קונסט? דעם ענטפער געפינען מיר אין דער ביבעל, וועלכע זאָגט, באַציהענדיג זיך אויף איהר אייגענער באַ־לייכטענדער אייגענשאַפט: „דיין וואָרט איז א לאָמפּ פאַר מיינע פיס, און א ליכט פאַר מיין וועג.״ תהלים 105:119. „ווייל דאָס געבאָט איז א לאָמפּ, און דאָס געזעץ איז ליכט.״ משלי 23:6.

די ביבעל איז באמת דער געטליכער ליכט־געבער אין דיזער פינסטערער וועלט. זי איז דאָס ליכט פון לעבען; זי איז די געטליכע „עקס־שטראַהל,״ וועלכע בויערט דורך די גערדיכטעסטע גייסטיגע נאַכט. באַהאַלט זי, פאַרדעקט זי, באַזייטיגט אָדער אונטערדריקט זי, און עס פאָלגט גלייך א מאָראַלישע טונקעלקייט, באַגלייט פון גייסטיגער פינסטערניש, און אַקאָמפּאַנירט פון מיט־ען־נאַכט׳יגער שווארצקייט. א באַקאַנטער גייסטיגער דענקער מאַכט די פאָל־גענדע געטרייע שילדערונג וועגען דיזער עפּאָכע:

„דאָס אויפקומען פון דער קאַטוילישער קירך צו מאַכט באַצייכענט דעם אָנהויב פון דעם ׳פינסטערען פּעריאָד.׳ וואָס מעהר מאַכט זי האָט געקראָגען, דעסטאָ שוואַרצער איז געוואָרען די פינסטערניש. ..די הייליגע שריפטען זיינען כמעט געווען אומבאַקאַנט, ניט נאָר צו די מאַסען, נאָר אפילו צו די גייסטליכע. ווי די אַמאָליגע פּרושים, האָבען די פּויפּסטליכע פאַרשטעהער געהאַסט די ליכט וועלכע אַנטפּלעקט זייערע זינד. גאָט׳ס געבאָט, דער קריטעריום פון גערעכטיגקייט, איז באַזייטיגט געוואָרען, און זיי האָבען אויסגענוצט זייער מאַכט אָהן גרענעץ, און פּראַקטיצירט זייערע תאוות, באַטרוג, גייציגקייט און פאַרדאָרבענהייט אומבאַשרענקט. מענשען האָבען זיך ניט אָפּגעהאַלטען פון קיין פאַרברעכען אויב עס האָט זיי נאָר געקענט ברענגען רייכטום אָדער פּאָ־זיציע. די פּאַלאַצען פון די פּויפּסטען און בישאָפען זיינען געווען ערטער

פאַר ווילדעסטע הוליאַנקעס. אייניגע פויפּסטען זיינען שולדיג געווען אין אזוינע גרוילטאַטען דאָס ציווילע הערשער האָבען געזוכט אראָפּזעצען דיעזע דיגניטאַרען אַלס בעסטיעס וועלכע זיינען צו נידערטרעכטיג צום טאָלערירען. יאָהרהונדערטע האָט אייראָפּאַ ניט געמאַכט קיין פאָרשריט אין וויסענשאַפט, קונסט און ציוויליזאַציע....הונדערטער יאָהרען איז די פאַרשפּרייטונג פון דער ביבעל געווען פאַרבאָטען. די מאַסען האָבען זי ניט געטאָרט לייענען

די וואָס האָבען די ביבעל געליעבט זיינען געווען אין איין שרעק.

און אפילו ניט האָבען ביי זיך אין הויז, און אומפאַרשעהמטע פריסטער און בישאָפען האָבען זי אויסגעטייטשט צום גונסטען פון זייערע פּרעטענזיעס." דער גרויסער קאַמף," זז. 55, 60, 51.

דיעזע ציטירונג גיט אָן די ריכטיגע אורזאַכע פון דעם שטילשטאַנד אין דער ליטעראַטור. ווען די ביבעל ווערט אַוועקגענומען פון מענשען, קומט אַ שטילשטאַנד פאַר וויסענשאַפט און ציוויליזאַציע.

זעהר געצעהלטע אידען ווייסען אז דאָס אויפקומען פון פויפּסטום און זיין נידערטרעכטיגע היסטאָריע איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרען אין'ם תנ"ך.

אין דעם 7טען קאַפּיטעל דניאל שילדערט דער נביא די זעהונג וועלכע גאָט האָט איהם אַנטפּלעקט וועגען די זעלבע פיער וועלט־אימפּעריעס וועלכע מיר האָבען שוין באַטראַכט אין דעם לעצטען קאַפּיטעל. אָבער אַנשטאָט פון סימ־באָליזירען דיעזע קעניגרייכען דורך פאַרשיידענע מעטאַלען, ווערען דיעזע מליכות דאָ סימבאָליזירט דורך פיער חיות,——אַ לעב, אַ בער, אַ לעמפּערט, און אַ פאַנטאַסטישער בעסטיע. אַז דיעזע חיות זיינען טהאַטזעכליך סימ־באָלען פון מליכות קען קיין ספק ניט זיין, ווייל די ביבעל זעלבסט זאָגט אונס אַז „דיעזע גרויסע חיות וועלכע זיינען פיער, זיינען פ י ע ר ק ע נ י ־ גע, וועלכע וועלען אויפקומען פון דער ערד.“ דניאל 17:7. דיעזע פיער קע־ניגע זיינען דיזעלבע פיער מליכות וועלכע מיר האָבען באַטראַכט אין פאָריגען קאַפּיטעל: בבל, מעדאָ־פּערסיע, גריכענלאַנד, און רוים. קיינע אַנדערע אויס־טייטשונג איז ניט מעגליך, ווייל זייט דניאל'ס צייט זיינען געוועזען בלויז פיער וועלט־אימפּעריעס, און אַלע היסטאָריעס, אָהן אויסנאַמע, געבען אָן דיעזע פיער וועלכע ווערען דאָ דערמאָנט.

אָבער מיר זיינען איצט ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין דער פיערטער אימפּעריע. זאָגט דער נביא: „די פיערטע חיה וועט זיין די פיערטע מליכה אויף דער ערד, וועלכע וועט זיין פאַרשיידען פון אַלע מליכות, און וועט איינ־שלינגען די גאַנצע וועלט, און וועט עס צוטרעטען און צוברעכען אויף שטיק־לאַך.“ דניאל 23:7. דער לעזער וועט אין דיעזער שילדערונג גלייך דערקענען די שטריכען פון דער „אייזערנער“ רוימישער אימפּעריע וועלכע מיר האָבען באַטראַכט אין 3טען קאַפּיטעל. אָבער אויב נאָך באַווייזע זיינען נויטיג, ער־קלעהרט דער פאָלגענדער פּסוק וועגען דער צוברעקלונג פון דיעזער אימפּעריע אויף צעהן קעניגרייכען, וואָס לאָזט מעהר ניט איבער דעם מינדעסטען ספק אַז דאָ רעדט זיך וועגען דער רוימישער מאָנארכיע און איהר צוטיילונג אויף צעהן טיילען. אַלס דער נביא באַטראַכט דיעזע סימבאָלען, ווערט זיין אויפ־מערקזאַמקייט צוגעצויגען דורך אַ זעהר איבערנאַטירליכער ערשיינונג:

„איך האָב באַטראַכט די הערנער, און זעה, עס איז אויפגעקומען צווישען זיי אַ קליינער האָרן, בעפאָר וועלכען דריי פון די ערשטע הערנער זיינען אויס־געריסען געוואָרען ביי די וואָרצלען; און, זעה, אין דיעזען האָרן זיינען געוועזען אויגען פון אַ מענשען, און אַ מויל וואָס האָט גערעדט חוצפה'דיגע זאַכען.“ פּ. 8. ווייטער אין קאַפּיטעל ווערט געזאָגט ווער דיעזער „קליינער האָרן“ איז: „און אַ ן אַנדערער (קעניג) וועט אויפשטעהן; און ער וועט זיין פ אַ ר ־ ש יי ד ע ן פון די ערשטע, און ער וועט דערנידריגען דריי קעניגע.“ פּ. 24.

וועדליג דיעזער פּראָפעצייאונג וועט וועהרענט דער צעשפּליטערונג פון דער רוימישער אימפּעריע אויפשטעהן אַ קעניגרייך פ אַ ר ש יי ד ע ן פון די איבעריגע ניין. אין וועלכען זינען קען אַ קעניגרייך זיין פ אַ ר ש יי ־ ד ע ן פון די איבעריגע? אין בלויז איינעם: וועהרענט אַלע קעניגרייכען זיינען הויפּטזעכליך פּאָליטישע לויט זעהר נאַטור, קען אויפקומען אַ קירכען־הערשאַפט



די פיער חיות וועלכע דניאל האָט געזעהן בנבואות זיינען סימבאָלען פון מליכות ווי עס איז אויספיהרליכער באַשריבען אויף זייטע 31. דער לעב איז בבל; דער בער,— מעדאָ־פּערסיע; דער לעמפּערט,— גריכענלאַנד; די חיה מיט די צעהן הערנער איז רוים.

(32)

וועלכע זאָל געברויכען אי רעליגיעזע אי פּאָליטישע מאכט. יעצט לאָמיר זעהן: איז אזא מאכט אויפגעקומען גראָד צו יענער צייט? די נבואות זאָגט אז אזא קעניגרייך וועט זיכער אויפקומען, און די היסטאָריע הילכט אָפּ צוריק, „יאָ, אזא קעניגרייך איז אויפגעקומען, און עס איז געווען דער קאַטוילּיציזמוס." אָבער איידער דאָס פּויפּסטום האָט געקענט האָבען אומגעשטערטע הערשאַפט, איז נויטיג געווען צו באַקאַמפען ד ר יי ווידערשפּעניגע קעניגרייכען: די אַריאַנער, וואַנדאַלען, און אָסטראָגאָטהען, און דאָס איז אויפגעטהון געוואָרען צווישען די יאָהרען 534 און 754 נ. ק.. ווי פּינקטליך דאָס שטימט מיט דעם נביא'ס ווערטער אַז, „ער (דאָס פּויפּסטום) וועט דערנידעריגען דריי קעניגע." פּ. 24, לעצטער טייל.

און איצט שילדערט דער נביא אין עטליכע מייסטערהאַפטע שטריכען דעם אמת'ן כאַראַקטער און היסטאָריע פון דער פּויפּסטליכער קירך:

„און ער וועט רעדען חוצפה'דיגע זאכען קעגען דעם אַלמעכטיגען, און ער וועט אויסמאַטערען די הייליגע פון דעם אַלערהעכסטען, און ער וועט דענקען צו ענדערען צייטען און דאָס געזעץ; און זיי וועלען איהם איבערגעגעבען ווערען ביז איין צייט, צוויי צייטען, און אַ האַלבער צייט." דניאל 24:7.

דיעזע ווערטער קענען זיך ניט באַציהען אויף קיין אַנדערען אויסער דעם פּויפּסט און דער קאַטוילּישער קירך. נאָר וועגען דעם פּויפּסט קען מען זאָגען אַז ער האָט גערעדט „חוצפה'דיגע זאכען קעגען דעם „אַלערהעכסטען," ד. ה. גאָט. דאָס אָטאָריזירטע קאַטוילּישע ווערק, „פּ ע ר ר אַ ר י 'ס ק י ר כ ע ן־ ו ע ר ט ע ר־ב ו ך ," כדי צו אונטערשטרייכען די גרויסקייט פון דעם פּויפּסט, זאָגט אַז „דער פּויפּסט איז אַזוי ווירדיג, און אַזוי דערהויבען, דאָס ער איז ניט גלאַט אַ מענש, נאָר אַזוי ווי גאָט, און גאָט'ס שטעלפּאַרטרעטער...וואָס דער פּויפּסט זאָגט און טהוט זעהט אויס אַרויסצוקומען פון גאָט'ס מויל...דער פּויפּסט איז ווי ער וואָלט געווען ג אָ ט א ו י ף ד ע ר ע ר ד." און אויב דאָס איז וועניג, קומט דער פּויפּסט לעאָ דער 13טער, און זאָגט אַרויס די פאָלגענדע הימעל־שרייענדע חוצפה אין זיינעם אַ עפענטליכען צירקולאַר (ענציקליק) פון יוני דעם 20טען, 1894:

„מיר פאַרנעהמען אויף דער ערד דאָס אָרט פ ו ן א ל מ ע כ ט י ג ע ן ג אָ ט."

קיינע ווערטער קענען ניט געבען דעם ריכטיגען באַגריף פון ווי אַזוי דאָס פּויפּסטום האָט געמוטשעט, פאַרפאָלגט און מאַרטיריזירט „די הייליגע פון דעם אַלערהעכסטען." מיט דער שרעקליכער היסטאָריע פון קאַטוילּיציזמוס שטעהט אייביג פאַרבונדען דאָס בלוטיגע וואָרט „אינקוויזיציע," אַ נאָמען פון וועלכען עס כאַפּט אַזש אָן אַ שוידער. „כאַטש געגרינדעט כלומר'שט צו אונטערדריקען אַפּיקורסות, האָט מען די אינקוויזיציע אויפגעשטעלט אין איטאַליען לאַנד אונטער'ן יאָך פון פּויפּסטום. אין שפּאַניע אַליין, לויט די פּינקטליכע סטאַטיסטיק פון לאָרענטע, זיינען פון 1481 ביז 1808

פאַראורטיילט געוואָרען 341,000 מענשען פון דיזער „הייליגער קאַנ־צעלאַריע," פון וועלכע כמעט צוויי און דרייסיג טויזענט זיינען פאַרברענט געוואָרען לעבעדיגערהייט...און כמעט דריי הונדערט טויזענט זיינען גע־מאַטערט און פאַראורטיילט געוואָרען צו שווערע שטראָפען. יעדע קאַטוילי־שע מדינה אין אייראָפּאַ, אזיע און אַמעריקאַ האָט געהאַט איהרע אינקוויזיציע, און איהרע אומבאַגרינדעטע אַרעסטען, איהרע לאַנגע פאַר־שפּאַרונגען פון אומשולדיגע מענשען אין תפיסה, איהרע געהיימע אונטער־זוכונגען, איהרע שרעקליכע מאַטערונגס־צימערען און טורמעס, איהרע „אָוטאָ דאַ פע," ד. ה. ברענען פון עקשנות'דיגע הערעטיקער, און איהרע טויזענטער גרוילטאַטען און אומרעכטען....עס ווערט אויסגערעכענט אַז די רוימישע פּויפּסטען האָבען, דירעקט צי אומדירעקט, ערמאָרדעט פאַר זייער גלויבען פופציג מיליאָן מאַרטירער, פופציג מיליאָן מענער און פרויען וועלכע האָבען זיך ענטזאָגט צוזושטימען צו קאַטוילישער געצענדינעריי, און האָבען באַ־



מאַטערונגס־אינסטרומענטען פון דער אינקוויזיציע

הויפּטעט אַז די ביבעל איז דאָס געטליכע וואָרט." ציטירט פון „די קומענדע ענדע פון דור." ה. גראַטען גינעס, ז. 204, לאָנדאָן.

דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך געהאַלטען פעסט אָן דעם שבת און אַנדערע וואַהרהייטען פון דער ביבעל, זיינען טויזענטער פון די וואַלדענסיער, אַלבי־גענסיער, און הוגענאָטען אומגעבראַכט געוואָרען פון דיזער דעספּאָטישער קירך, און די וועלכע זיינען אַנטרינען מיט זייער לעבען, האָבן געמוזט געפינען אַ מקלט אין די פעלזען און לעכער פון די אַלפּען, דער אייציגער אָרט וואו זיי האָבען געקענט דינען זייער באַשאַפער לויט זיינע געבאָט.

אָבער די נידערטרעכטיגסטע און שענדליכסטע טהאַט פון דער קאַטוי־לישער קירך בלייבט ערשט צום באַטראַכטען, ווייל עס זאָגט דער נביא, „ער (דער פויפּסט) וועט פאַרזוכען צו ענדערען צייטען און דאָס געזעץ.“ דניאל 25:7. קיין מאַכט אויף דער ערד האָט ניט די קראַפט צו ענדערען אָדער אָפּשאַפען די געטליכע געבאָט, אָבער דאָס פויפּסטום האָט געדענקט צו טהון אַזאַ זאַך דורך פעלשען איינעם פון די צעהן געבאָט, און זי גיט עס צו מיט אַ היבש ביסעל שטאָלץ. מיר ציטירען פון „די קאָנוואָירט'ס קעטעקיזם אָוו קעטאָליק דאַקטרין.“ רעווערענד פּיטער געיערמאַן, ז. 50. צווייטע אויסגאַבע, וועלכע האָט געקראָגען די „אַפּאָסטאָלישע ברכה“ פון פויפּסט פּיוס דעם 10טען אין יאַנואר 25, 1910:

„פראַגע:——וועלכער טאָג איז דער שבת?

ענטפער.——סאַטורדעי (דער זיבעטער טאָג) איז דער שבת.

פראַגע.——טאַ וואַרום היטען מיר זונטאָג אַנשטאָט שבת?

ענטפער.—— מיר היטען זונטאָג אַנשטאָט שבת ווייל די קאַטוילישע קירך האָט אין דער לאַאָדיצעער באַראַטונג (ק. נ. 364) איבערגעפיהרט די הייליגקייט פון שבת צו זונטאָג.“

מיר ציטירען פון אַ צווייטען קאַטוילישען קוואַל:

„פראַגע.——האָט איהר נאָך באַווייזע אַז די (קאַטוילישע) קירך האָט די מאַכט איינצופיהרען יומים טובים אַלס געזעץ?



דאָס חוצפה'דיגע פויפּסטום האָט געוואַגט אַרויסוואַרפען
דעם שבת־געבאָט פון די עשרת הדברות

ענטפער.—— וואָלט זי ניט באַזיצט אַזאַ מאַכט דאַן וואָלט זי ניט געקענט טהון דאָס אין וואָס אַלע (?) מאָדערנע גלויביגע וויליגען איין,—— זי וואָלט

ניט געקענט איינאָרדנען די הייליגונג פון זונטאָג, דעם ערשטען טאָג פון דער וואָך, אנשטאָט שבת, דעם זיבעטען טאָג, אַ ענדערונג וועלכע איז געמאַכט געוואָרען „אָהן ביבלישער אויטאָריטעט.“ ציטירט פון „עי דאַקטרינעל קעטעקיזם,“ רעווערענד סטיפען קינען, אונטער דער הסכמה פון אַרטשבישאָף רעווערענד דזשאָן היוז, פון ניו יאָרק, ז. 174.

מיר קענען פאָרברענגען נאָך פיעלע באַווייזע, אָבער מיר וועלען זיך באַגעניגען מיט נאָך צוויי צוגעבונגען, פון קאַרדינאַל גיבאָנס, אַרצבישאָף פון באַלטימאָר, די אָנגעזעהנסטע פיגור פון אַמעריקאַנער קאַטויליציזמוס:

„איהר מעגט לעזען די ביבעל פון בראשית ביז דער „אַנטפּלעקונג (דער לעצטער בוך פון נייעם מעסטאַמענט) און איהר וועט ניט געפינען קיין איינציגע שורה וואָס זאָל אָטאָריזירן די הייליגונג פון זונטאָג. די הייליגע שריפטען באַפעהלען צו הייליגען שבת, דעם טאָג וועלכען מיר הייליגען קיינמאָל ניט.“ „דער גלויבען פון אונזערע פאָטערס,“ 6טע אויסגאַבע, ז. 86.

און אין דעם „קעטאָליק מיראָר“ קאַרדינאַל גיבאָנ׳ס אָפיצילער אָרגאַן, (יעצט אַרויסגעגעבען אונטער׳ן נאָמען „די קאַטאָליק רעוויאו“), אין דער אויסגאַבע פון 9טען סעפּטעמבער, 1893, איז פאַראַן דיעזער פּאַראַגראַף:

„עס איז אוממעגליך צו געפינען אין דעם נייעם טעסטאַמענט די מינדעסטע איבערטרעטונג מצד דעם ערלעזער, אָדער זיינע אַפּאָסטאָלען, פון דעם אורשפּרינגליכען שבת, נאָר, פאַרקעהרט, זיי זיינען פאָלקאָמען מסכים מיט דער אַלטער געזעצגעבונג; ...דערפון מוז מען קומען צום איינציגען באַשלוס אַז פון די וועלכע באַטראַכטען די ביבעל אַלס דעם קריטעריום פון זייער גלויבען, זיינען די אידען און די קריסטליכע שומרי־שבת (סעווענטה־דעי אַדווענטיסטען) די איינציגע וועלכע זיינען אויסגעהאַלטען (אין זייער היטען דעם שבת).

דער באַגייסטערטער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט פיעלע יאָהרהונדערטער צוריק אַז אימיצער וועט פאַרזוכען צו ענדערען די עשרת הדברות; מיר ווייסען אַז אַזאַ ענדערונג אין די עשרת הדברות איז טאַקע געמאַכט געוואָרען אין דעם שבת־געבאָט, און אַז די מעהרהייט קריסטען הייליגען זונטאָג דעם ערשטען טאָג פון דער וואָך אנשטאָט שבת, דעם זיבעטען טאָג, לויט׳ן געבאָט: איצט קומט די קאַטוילישע קירך און גיט צו אַז זי האָט דיעזע ענדערונג געמאַכט, און אַז אַזאַ ענדערונג איז להיפוך דער ביבעל, סיי דעם אַלטען, סיי דעם נייעם טעסטאַמענט. לויט דער ביבעל, לויט דער היסטאָריע, און לויט איהר אייגענער וידוי, איז די קאַטוילישע קירך שולדיג אין דעם שרעקליכסטען פאַרברעכען וואָס אַ מענש קען באַגעהן, אין פעלשען די אייביגע געטליכע געבאָט. אָבער ווי אַזוי האָט דניאל געקענט אַזוי פּינקטליך און אַקוראַט שילדערן דיעזע גאָט־לעסטערישע מאַכט פיעלע הונדערטער יאָהרען אין פאָראויס, סיידען דער אַלמעכטיגער האָט עס איהם אַנטפּלעקט? דאַרף מען נאָך מעהרער באַווייזע אַז

די ביבעל איז דאס וואס זי זאגט זי איז: דאס באגייסטערטע ווארט פון דעם לעבעדיגען גאט?

אבער דאך זיינען פאראן נאך פיעלע באווייזע, אום אז אפילו דער סקעפּטיקער און צווייפלער זאלען זיך איבערצייגען. נאך דער דערמאנטער קורצער אבער געטרייער שילדערונג פון דעם פויפסטום און זיין מואס'ער האנדלונג קענען די „צייטען און דאס געזעץ," זאגט דער נביא:

„און זיי וועלען איבערגעגעבען ווערן אין זיין האנד ביז א צייט, צייטן און א האלבער צייט." דניאל 25:7, לעצטער טייל.

„א העלפט פון דעם בוך פון דניאל איז געשריבען אין אראמיש, די שפּראך פון כשדים. דאס אראמיש ווארט פאר „צייט" אין דיעזען פסוק איז „עדן," וועלכער באדייט „א יאהר;" דאס ווארט „צייטען" איז „עדנין,"——„צוויי יאהר," וועהרענט דער אויסדרוק „א האלבע צייט"——„פלג־עדן" באדייט א העלפט פון א יאהר, וואס צוזאמען באטרעפט עס דריי און א האלב יאהר, אדער 42 מאנאטען. דער ביבלישער מאנאט באשטעהט פון 30 טעג. זעה בראשית 11:7; 4:8.

דער מבול האט אויסגעבראכען דעם 17טען טאג פון צווייטען מאנאט ווען נח איז אלט געווען 600 יאהר, און די תבה האט גערוהט דעם 17טען טאג פון זיבעטען מאנאט. פון דיעזע אויסדריקע זעהן מיר אז דער מבול האט געדויערט פינף מאנאטען. אבער די ביבעל זאגט אויך אז דאס וואסער האט גענומען אפּפאלען נאך 150 טעג, וואס הייסט אז לויט דער ביבעל זיינען פאראן 150 טעג אין פינף מאנאטען, אדער צו 30 טעג אין מאנאט, און 1260 טעג אין די דריי און א האלב יאהר פון דער נבואות וועלכע מיר האלטען אין באטראכטען. דיעזע פראפעטישע טעג באדייטען אבער יאהרען, ווייל א טאג אין פראפעצייאונג שטעלט מיט זיך פאר א יאהר. זעה במדבר 34:14 און יחזקאל 6:4. דער פשוט'ער זינען פון דער נבואות איז אז די קאטוילישע קירך וועט אנהאלטען איהר מאכט וועהרענט 1260 יאהר.

די פראגע איז אבער, וועלכער איז דער אויסגאנגס־פונקט פון וועלכען מיר זאלען אנהויבען רעכענען דיעזן פעריאד? קענען מיר וויסען ווען דיעזע 1260 יאהרען הויבען זיך אן? קענען מיר אויך באשליסן ווען זיי וועלען זיך ענדיגען? ביבעל־פארשער און געלעהרטע זיינען איינשטימיג אז דאס יאהר 538 נ. ק. איז דער אנהויב פון דיעזען פעריאד.

„דער באפעהל פון (רוימישען) אימפעראטאר יוסטיניאן, דאטירט 533 נ. ק. האט דערהויבען דעם רוימישען בישאף צו זיין דער הויפּט פון אלע בישאפען. אבער דיעזער עדיקט האט ניט געקענט אריין אין קראפט ביז די אריאנישע אסטראגאטהען, דער לעצטער פון ד דריי הערנער וואס האבען געזאלט ארויסגעריסען ווערען צו מאכען ארט פאר'ן פויפסטום, זיינען ארויסגעטריבען געווארען פון רוים; דאס איז געטהון געווארען, ווי שוין דערמאנט, אין 538 נ. ק..דער באפעהל וואלט ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען סיידען דיעזע לעצטע

פּאַסירונג וואָלט פּאַרגעקומען; דאַריבער דאַרף מען אָנהויבען רעכענען די 1260 יאָהר פון דיעזען יאָהר, ווייל פון דיעזען יאָהר אָן האָט די קאַטוילישע קירך געקראָגען די מאַכט. איז אמת אַז גראָד פון דיעזען יאָהר האָט די קאַטוילישע קירך געהערשט 1260 יאָהר? אַקוראַט, ווייל גראָד מיט 1260 יאָהר שפּעטער, דאָס הייסט אין יאָהר 1798, איז דער פראַנצויזישער גענעראַל בערטיע גע־קומען מיט אַן אַרמעע קיין רוים, האָט פּראָקלאַמירט אַ רעפּובליק, האָט גע־נומען דעם פּויפּסט געפאַנגען, און האָט אויף אַ צייט אָפּגעשאַפט דאָס פּויפּ־טום. זייט דאַמאָלס האָט די קאַטוילישע קירך קיינמאָל מעהר ניט גענאָסען פון דעם פּרעסטיזש און פּריווילעגיעס וועלכע זי האָט אַמאָל באַזיצט. זעהט מען אַלזאָ נאָך אַמאָל אַז דיעזע מאַכט ערפילט בוכשטאַבליך די נבואות, וואָס באַדייט אַז אונזערע אויסטייטשונג איז אַ ריכטיגע. „דניאל און די אַנטפּלעקונג,“ ז. 185

ערשט ניט לאַנג, ווען דער אָפּמאַך צווישען מאָסאָליני און דעם וואַטיקאַן איז אונטערגעשריבען געוואָרען, האָט די קאַטוילישע קירך זיך ערהאָלט פון דער וואונד וואָס זי האָט געקראָגען אין 1798, אָבער דיעזע ערהאָלונג וועט ניט לאַנג דויערען, ווייל, ווי דער נביא זאָגט, וועט זי באַלד גענצליך פאַר־ליערען איהר מאַכט און וועט פאַרשווינדען. זעה דניאל 26:7.

צום אָנהויב פון דיעזען קאַפּיטעל האָבען מיר באַטאָנט אַז „די פינסטע־רע צייטען“ זיינען געווען „אַ פּעריאָד פון שטילשטאַנד און נישטיגקייט און לי־טעראַטור און קונסט.“ די ביבעל איז פון דער קאַטוילישער קירך באַזייטיגט געוואָרען. זי איז פאַרשאָטען געוואָרען אונטער אַ באַרג פון קבלה.

אָבער אַזוי שנעל ווי דער פינסטערער כישוף פון קאַטויליציזמוס איז געבראָכען געוואָרען, און איהרע קייטען זיינען אַראָפּגעפאַלען פון מענשליכע געוויסענס, האָט אויסגעבראָכען אַ נייע עפּאָכע פון ליכט און אויפקלעהרונג אויף דער וועלט. פּונקט זעקס יאָהר נאָך דעם ווי דער פּויפּסט איז אַרעסטירט געוואָרען פון גענעראַל בערטיע, איז אָרגאַניזירט געוואָרען די ענגלישע און אויסלענדישע ביבעל־געזעלשאַפט, אין דעם יאָהר 1804. גלייך נאָך דער גרינדונג פון דיעזער געזעלשאַפט זיינען אויך אַנדערע ביבעל־געזעלשאַפטען אויפגעקומען, מיט פיעלע אָפּטיילונגען אויף'ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט. אין 1816 איז געגרינדעט געוואָרען די אַמעריקאַנער ביבעל־געזעלשאַפט, וועלכע האָט אַליין ביז היינט צו טאָג צוטיילט אומגעפעהר 200 מיליאָן קאָ־פּיעס פון דער ביבעל. היינט רעדט די ביבעל אין כמעט אַ טויזענט שפּראַכען.

איז פאַראַן אַלזאָ וועלכע פאַרבינדונג צווישען דער ביבעל און דעם צוואַנ־ציגסטען יאָהר־הונדערט? צווישען איהר גרויסער צירקולאַציע און דעם אומ־געהייערען מאַטעריעלען און גייסטיגען פּראָגרעס פון 19טען און 20טען יאָהרהונדערט? דאָס אויסלעשען פון דער ביבלישער ליכט האָט פאַראורזאַכט אַ לאַנגע, פינסטערע נאַכט פון 1260 יאָהר; דאָס אויפשיינען פון דער ביבעל האָט מיטגעבראַכט אַ נייעם פריהמאָרגען פאַר דער וועלט.

קאַפּיטעל 5

האָט אַ גוטער גאָט באַשאַפען אַ שלעכטע וועלט?

פּיעלע מענשען זיינען אין אַ פּאַרלעגענהייט צוליב די פּיעלע ווידערשפּרוּ־כען וועלכע זיי מערקען אין דער וועלט. זיי זעהן צוויי געגנערישע פּרינציפּען טעטיג סיי אין דער נאַטור, סיי אין מענש. וועהרענט איינער ווירקט אַלעמאָל צו היילען, צו באַנייען און בענשען, איז אָבער די טענדענץ פון דער צווייטער רק צו פאַרדאַרבען, אַרונטערצוטרייסען און צושטערען. דאָ מערקען זיי אַ מייסטער־קינסטלער וועלכער באַשעהנט פעלד און גאָרטען מיט בלומען פון פּרעכטיגע קאָלירען, עדעלער פאָרם, און זיסען אַראָמאַט; וועלכער דערפרישט די ערד מיט טוי און רעגען; פּילט אָן די וועלט מיט שפּייז פאַר מענש און חיה; און פאַרטיילט ברכות אין טויזענט וועגען. דאָרט אָבער באַאָבאַכטען זיי צושטערענדע קרעפטען וועלכע לאָזען שטענדיג פיהלען זייער פאַרדאַרבענ־דע ווירקונג; די אינזעקטען וועלכע פרעסען אויף די תבואה; די שטורם־ווינטען וועלכע פאַרוויסטען שטעדט אויף זייער וועג; מגפות וועלכע פאַרניכטען מילי־אָנען לעבענס. אין מענש זעהן זיי אויך צוויי געגענזייטיגע פּרינציפּען: איינער דערהויבט ראַפינירט, פאַרעדעלט דעם מענשען; דער אַנדערער דערנידריגט, פאַרגרעבט און פאַרדאַרבט איהם. זיי מערקען אַז איינינגע מענ־שען זיינען גרויסמוטיג, פריינדליך און לאָיאַל, וועהרענט אַנדערע זיינען עגאָ־איסטיש, שמאָל־הארציג און פאַלש. זייט ביי זייט זעהן זיי ראָזעס און דערנער, פרייד און טראַגעדיע, האָפענונג און ענטוישונג, געזונטהייט און קראַנקהייט, לעבען און טויט, און זיי קענען ניט האַרמאָניזירען דיעזע מאָדנע און ווידער־שפּרעכענדע ערשיינונגען. זיי זיינען אין פאַרלעגענהייט און פרעגען: קען עס מעגליך זיין אַז אַ גוטער גאָט זאָל האָבען באַשאַפען אויך דאָס וואָס איז שלעכט? איז ער פאַראַנטוואָרטליך פאַר דיעזען מיש־מאַש פון ווידערשפּרוכען?

נאָר די ביבעל קען ענטפערן אויף דיעזע טונקעלע און שווערע פראַגעס. לאָ־מיר געהן צום בוך בראשית,—דעם בוך פון יסודות. מענשען זיינען מעהרס־טענס פאַראינטערעסירט אין עפעקטען און אימפּרעסיעס, אָבער גאָט קוקט טיפער ווי די אויבערפלאַכע. ער איז מעהר פאַראינטערעסירט אין סבות ווי אין עפעקטען, ער זוכט דעם „שרש דבר,“ דעם וואָרצעל, ניט דעם צווייג. דאַריבער איז דאָס געטליכע וואָרט „ראשית חכמה,“ דער קוואַל פון אמת׳ער תורה, דער יסוד פון יעדער וויסענשאַפט.

נאָך דעם ווי גאָט האָט באַשאַפען די וועלט אין זעקס געוועהנליכע טעג, שטעהט געשריבען אַז, „גאָט האָט געזעהן אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, און

עס איז געווען זעהר גוט.״ בראשית 31:1. אלס דאס שארפע אויג פון דעם באשאפער האט באטראכט זיין פארענדיגט מייסטערווערק, האט ער ניט גע־קענט אנטדעקן קיין פעהלער, קיין חסרון וואס זאל פארדארבען די פאלקאמע־נע הארמאניע. לויט דער אפשאצונג פון געטליכען מייסטער־בויער איז עס גע־ווען ניט נאר „טוב״—גוט, נאר „טוב מאד״—ז ע ה ר גוט. אזוי יונג־שעהן איז די ערד געווען ווען זי איז ענטשנאטען פון דער האנד פון איהר באשאפער, דאס „די מארגען־שטערען האבען צוזאמען געזונגען, און אלע געטליכע זיהן האבען געשאלט פאר פרייד.״ איוב 7:38. וואס פאר א מייסטערווערק די ערד האט געמוזט אויסזעהן אין איהר אורשפרינגליכער שעהנקייט צו דערקוויקען די חושים פון אפילו די מלאכים און איינוואוינער פון אנדערע וועלטען!

דער ערשטער מאן און פרוי וועלכע גאט האט באשאפען האבען אין זיך אפגעשפיגעלט די שעהנקייט און גאנצקייט פון דער נאטור ארום זיי. „דער וועלכער האט אויסגעשטערענט די הימלען, און האט מיט עדעלער קונסט באַ־פארבט די בלומען אין פעלד, וועלכער האט אנגעפילט די ערד און די הימלען מיט זיינע וואונדערליכע ווערק,—אלס ער האט געהאלטען אין פארענדיגען זיין ערליכע ווערק, און האט געזאלט אויפשטעלען איינעם וואס זאל זיין דער הערשער פון דער שעהנער ערד, ——האט ער ניט פארפעהלט צו באשאפען א וועזען וואס זאל זיין ווירדיג פון דער האנד וועלכע האט איהם באשאפען. דער סדר היחוס פון דער מענשליכער ראסע, לויט דעם געטליכען באריכט, שטאמט ניט פון פאנאנדערוויקלענדע מיקראבען, מאלוסקלען און פיער־פיסיגע חיות, נאר פון דעם גרויסען באשאפער. כאטש ער איז באשאפען געווארען פון דעם שטויב, איז דאך אדם געווען, „דער זוהן פון גאט.״ „פ א ט ר י א ר ־כ ע ן א ו ן פ ר א פ ע ט ע ן,״ ז. 45.

דער געטליכער באריכט זאגט אז „גאט האט באשאפען דעם מענשען אין זיין אייגענעם געשטאלט, אין דער געשטאלט פון גאט האט ער איהם באשא־פען.״ בראשית 27:1. דער מענש איז באגאבט געווארען מיט אינטעלעקטועלע קרעפטען, פעהיג צו באגרייפען די וואהרהייט, און מיט פרייהייט אויסצו־קלייבען צווישען גוט און שלעכט, צווישען געהארזאמקייט און אפטריניג־קייט. אבער כאטש אונזערע ערשטע עלטערען זיינען געווען פאלקאמען און הייליג, האט זיי אבער געפעהלט איין זאך,—כאראקטער,—דער פועל יוצא פון ערפאהרונג און פרופונג. „גאט איז ליעבע,״ און וואו עס הערשט אמת׳ע ליעבע קען ניט עקזיסטירען דער גייסט פון צוואנג אדער געוואלט. גאט קען ניט און וויל ניט מיט געוואלט ארויספרעסען געהארזאמקייט פון זיינע באשא־פענישען; ער שטרעבט נאר צו געווינען זייער פרייוויליגע אונטערטעניגקייט דורך צערטליכען איבערצייגען און ליעבעס־ווערק. זייערס איז אויסצואוועהלען צו געהארכען אדער ניט.

באלד איז געקומען די קריטישע פראבע. גאט האט אדם׳ן אפגעגעבען דעם שעהנעם גן־עדען. גאט האט איהם געמאכט דעם בל־הבית איבער דער גאנצער

ערד, און האָט איהם ערלויבט צו עסען פון איטליכען בוים אין גאָרטען חוץ דעם עץ הדעת טוב ורע. דאָס איז געוואָרען דער פּרוף־שטיין, און מיר לעזען אַז דער פאַרפיהרער אין געשטאַלט פון אַ שלאַנג, האָט באַוואויגען אונזערע ערשטע עלטערען צו ווידערשפּעניגען קעגען דעם געטליכען געבאָט, און

דער שטן, דורך דער שלאַנג'ס מויל האָט פאַרפיהרט חוה'ן

האָבן אויף אונזער וועלט אונגעבראַכט טרויער, ענטוישונג, ליידן און אומגליק.

אָבער ווער איז עס אָט דיעזע שלאַנג וועלכע האָט דעם מענשען אָנ־גערייצט צו זינדיגען? לייענענדיג אין דעם נייעם טעסטאַמענט געפינען מיר אַז די „אַלטע שלאַנג" איז דער טייפעל און דער שטן, וועלכער נאַרט די גאַנצע וועלט." די אַנטפּלעקונג 9:12. דאָס העברעאיש וואָרט „שטן" באַדייט „געג־נער" אָדער „פיינד." אומעטום אין די שריפטען שטעהט דער שטן אַנטפּלעקט אַלס דער שונא פון גאָט און מענש. אָבער וואָס איז ער, און פון וואַנען קומט ער? איז ער אַ ווערקליך וועזען, איז ער אַ גייסט, אָדער איז ער נאָר אַ פאַנטאַ־זיע? וואָס איז זיין היסטאָריע און אורשפּרונג? אויב גאָט האָט באַשאַפען נאָר דאָס וואָס איז גוט, ווי אַזוי קענען מיר דאָס האַרמאָניזירען מיט דער עקזיס־טענץ פון דעם שטן? און אויב גאָט האָט באַשאַפען דעם טייפעל, קומט דען ניט אויס אַז ער איז אויך פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע צרות אין דער וועלט?

דער ענטפער אויף אַלע דיעזע פראַגען איז פאַראַן אין דער ביבעל, און באַטש דאָרט ווערט דייטליך געזאָגט אַז דער שטן איז אַ ווירקליכער, פּערזענ־ליכער וועזען, דערוויסען מיר זיך אָבער אויך אַז גאָט איז ניט פאַראַנטוואָרט־

ליך פאר זיין עקזיסטענץ. געוויס וועט דער לעזער פרעגען, „אויב גאָט האָט אַלץ באַשאַפען, איז עס ניט אַ ווידערשפּוך צו באַהויפּטען אַז ער האָט דעם שטן נ י ט באַשאַפען?״ אָבער די שוועריגקייט פאַרשווינדעט אַזוי גיך ווי מיר לעזען עטליכע פסוקים פון תנ״ך. אָט וואָס עס זאָגט וועגען שטן דער געט־ליכער סופר:

„אָ, ווי די ביסט אַרונטערגעפאַלען פון הימעל, אָ, לוציפער, דער זוהן פון דעם מאָרגען! ווי דו ביסט גע̇שטירצט ביז צו דער ערד, וועלכער האָט די פעל־קער אונטערדריקט. ווייל דו האָסט געזאָגט אין דיין הארצען, „איך וועל אַרויפגעהן צום הימעל; איך וועל דערהויבען מיין טהראָן איבער די שטערען פון גאָט; איך וועל זיצען אויף דעם הר־מועד פון צפון־זייט; איך וועל זיך דערהויבען איבער די וואָלקענס; איך וועל זיין גלייך צום אַלערהעכסטען.״ ישעיה 12:14־14.

אַלע ביבעל־פאָרשער זיינען איינשטימיג אַז דיעזע ווערטער ווערען גע־זאָגט וועגען שטן, וועלכער האָט אַמאָל אין דער טיפער פאַרגאַנגענהייט פאַר־נומען אַן ערהויבענעם אָרט אין די הימלישע פּאַלאַצן. פון דעם 28טן קאַפּיטעל פון יחזקאל ערפאַהרן מיר אַז לוציפער איז אַמאָל געווען „דער געזאַלבטער כרוב וועלכער באַדעקט.״ פּ. 14. דער סאַלמיסט ערקלעהרט אַז גאָט „זיצט צווישען די כרובים,״ (תהלים 1:99), און אויס דעם מאָזאַאישען משכן, וועלכער איז געווען געמאַכט .לויט דער געשטאַלט פון הימלישען משכן, (זעה שמות 40:25) לערנען מיר אַז גאָט זיצט צווישען צוויי אַזעלכע כרובים. באַטראַכ־טענדיג דיעזע פסוקים צוזאַמען קומען מיר צום לאָגישען שלוס אַז פאַר זיין דערנידערונג איז לוציפער געווען איינער פון דיעזער צוויי ערהויבענסטע כרובים. און אָט וואָס עס זאָגט וועגען איהם דער נביא:

„דו ביסט געווען פאָלקאָמען אין אַלע דיינע דרכים פון דעם טאָג וואָס דו ביסט באַשאַפען געוואָרען, ביז מען האָט אין דיר אומגערעכטיגעקייט געפו־נען.״ יחזקאל 15:28.

איז אַלזאָ זעהר באַשיינפּערליך פון דיעזע ווערטער אַז לוציפער איז באַשאַ־פען געוואָרען פאָלקאָמען, און ער איז געווען אָהן זינד, ביז אומגערעכטיגקייט איז אין איהם געפונען געוואָרען. מיר האָבען אַלזאָ ניט איבערטריבען די זאַך ווען מיר האָבען באַהויפּטעט אַז גאָט האָט ניט באַשאַפען דעם שטן. ער האָט י אָ באַשאַפען לוציפער׳ן, „דעם געזאַלבטען כרוב,״ דעם זוהן פון דעם פריה־מאָרגען,״ אַ שעהנעם, ערהויבענעם מלאך, אָבער דורך עפּעס אַן אומערקלע־באַרער סבה, איז ער געוואָרען שטאָלץ און חוצפה׳דיג, און האָט רעבעלירט קעגען דער געטליכער רעגיערונג. ער איז געוואָרען אַזוי גרויס ביי זיך דאָס ער האָט געגלוסט נאָך דעם געטליכען טהראָן. דאָרט וואו עס האָט אייביג געהערשט פריעדען, האַרמאָניע און ליעבע, האָט לוציפער אַריינגעבראַכט קנאה, האַס און שטרייטעריי. דער וואָס איז אַמאָל געווען ריין, נאָבעל, און הייליג, איז איבער זיינע זינד געוואָרען פאַררעטעריש, עגאָאיסטיש און פאַר־

דארבען. לוציפער, „דער זוהן פון דעם מארגען" איז געווארען „שטן," דער שונא. און ווען ליעבע און איבערצייגונג האבען ניט געהאלפען, האט מען דעם שטן ארויסגעשיקט פון הימעל און איהם געלאזען מאכן זיין צייטווייליגע היים דא אויף דער ערד. „דיין הארץ איז שטאלץ געווארען צוליב דיין שעהנקייט, איבער דיין גלאנץ האסטו דיין חכמה פארדארבען. איך וועל דיך צו דער ערד ארונטערווארפען, איך וועל דיך איבערגעבען צו קעניגע, כדי זיי זאלען דיך באטראכטען." יחזקאל 17:28.

איצט וועט אפשר דער לעזער פרעגען: „ווארום האט גאט ניט פארניכטעט דעם שטן גלייך ווי ער האט געזינדיגט? ווארום האט ער איהם געלאזען ווייטער לעבען און שלעכט באאיינפלוסען אדם'ן און חוה'ן, און דורך זיי, דעם גאנצען מענשליכען געשלעכט? וואלט ניט א שנעלע הינריכטונג פון דעם שטן איינגעשפארט דער וועלט אומענדליכע ליידען, טרערען, וועהטאג און טויט? פארוואס־זשע האט איהם גאט געלאזען ווייטער לעבען נאך דעם ווי ער האט געלעסטערט זיין אייגענעם באשאפער? און ווארום האט ער איהם געלאזען אריינקומען אין אונזער וועלט, ווען ער האט פאראויסגעזעהן די טראגישע פאלגען דערפון?

אויף דיעזע פראגען איז ניט שווער צו ענטפערען. גאט האט ניט געקענט מיט יושר טויטען דעם שטן מאמענטאל. דער שטן האט געמאכט געוויסע באשולדיגונגען קעגען דער פיהרערשאפט פון אוניווערזום. ער האט פארגעשלאגען א רעפארמע אין דער הימלישער רעגיערונג, און דאריבער אויך אין דער געטליכער געזעצגעבונג. ער האט פארזוכט איינצופיהרען דעם פרינציפ פון געוואלט אנשטאט דעם פרינציפ פון פרייען אויסוואהל און ליעבע. ער האט פרעטענדירט מיט זיינע רעפארמעס גליקליכער צו מאכען אלע באשעפענישען. ער האט פיעלע איינגערעדט אז דיעזע ענדערונגען זיינען געוואונשענע, און אז מע זאל זיי אויספראבירען. וואלט דער שטן געטויט געווארען איידער זיינע פרעטענזיעס זיינען אויסגעפראבירט געווארען, וואלט פארבליבען א ספק אין פיעלע הערצער, און זיי וואלטען געהאט די געלעגענהייט צו צווייפלען אין דער געטליכער יושר'דיגקייט. איינינע וואלטען אפילו געדענקט אז גאט איז טאקע אזוי טיראניש אין פארטייאיש ווי דער שטן האט איהם געשילדערט, און דער ווארצעל פון אויפשטאנד וואלט ארויסגעשפראצט אויף אן אנדער ארט. אלזא כדי צופריעדענצושטעלען זיין אייגענעם חוש פאר יושר, ווי אויך פון אלע זיינע באשעפענישען, און כדי צו אנטפלעקען פאר אלעמען דעם אמת'ן כאראקטער פון דעם פארלוימדער, האט גאט אוים גנאד ניט אויגענבליקליך פארניכטעט דעם שטן, נאר איהם געגעבען צייט אז ער זאל אויף דיעזער פלאנעטע אויספראבירען זיינע פרינציפען פאר די אויגען פון גאנצען אוניווערזום. וויא עס זאגט א באגייסטערטער שרייבער פון נייעם טעסטאמענט ....„וויל מיר זיינען א ספעקטאל (אדער א טעאטער) פאר דער וועלט, פאר די מלאכים, און פאר מענשען." דיעזע קליינינקע וועלט אונזערע איז דאס

טעאַטער, די גרויסע פּראַקטישע לאַבאָראַטאָריע וואו דער טייוועל האָט גע־וויסע פרייהייט צו באַווייזען וואָס זיינע פּרינציפּען קענען אויפטהון.

נעקסט טרעפען מיר דעם שונא אין גן־עדען, וואו ער אינטריגירט צו רואינירען אונזערע ערשטע אור־עלטערען. דיזעלביגע כאַראַקטער־שטריכען וועלכע דער שטן האָט באַוויזען אין הימעל ווערען דאָ ווידער אַנטפּלעקט, און ער זוכט זיי איינפלאַנצען אויך אין דער נאַטור פון די פאָרגעגנגער פון דער מענשליכער ראַסע. אין הימעל האָט ער געגלוסט צו „זיין ווי דער אַלערהעכ־סטער," און איצט רעדט ער איין חוה׳ן אַז אויב זי און איהר מאַן וועלען ווידער־שפּעניגען קעגען גאָט, וועלען זייערע אויגען אויפגעעפענט ווערען און זיי וועלען ווערען „עהנליך צו די געטער." ליידער האָט דער מענש זיך אונטער־געגעבען צו די ביטרע אָנצוהערענישען פון זייער שונא, און האָט דערמיט גע־שטעלט די גאַנצע ערד אונטער דעם רשות פון גרויסען פאַרפיהרער. נאָך׳ן פאַרזוכען די פאַרבאָטענע פרוכט, זיינען טאַקע זייערע אויגען „אויפגעעפענט" געוואָרען, אָבער נאָר צו באַגרייפען זייערע זינד און געוויסענס־ביסע, אַלס דער באַוואוסטזיין פון זייער שולד האָט אַרומגענומען זייער ערוואַכטען גע־וויסען. און, אָ, וואָס פאַר אַ לאַנגע נאַכט פון ליידען, אומגליק און טויט זייער זינד האָט געבראַכט אויף דער וועלט.

די פאָלגען פון זייער זינד האָט מען גלייך געקענט באַמערקען אין זיי זעלבסט. דער פאַרלוימדערישער גייסט וועלכער האָט דעם שטן אינספּירירט אין הימעל, האָט זיך איצט אָפּגעשפּיגעלט אין זייער כאַראַקטער, און זיי האָבען גענומען וואַרפען די שולד אויף אַ צווייטען, נאָר ניט אויף זיך. „די פרוי וועלכע ד ו האָסט מיר געגעבען," האָט אדם כמעט געטאַדעלט גאָט, „זי האָט מיר פון בוים געגעבען, און איך האָב געגעסען." בראשית 12:3. און חוה האָט געזאָגט, אום זיך רעכטצופערטיגען, „ד י ש ל אַ נ ג האָט מיך איינגערעדט, און האָב געגעסען." פּ. 13. גאָט האָט זיי געוואָרענט אַז אויב זיי וועלען ניט געהאָרכען וועלען זיי קומען אונטער דעם רשות פון טויט, אָבער דער הויפּט־באַטריגער האָט זיי געזאָגט, „איהר וועט ניט זיכער שטאַר־בען." בראשית 4:3. עס האָט ניט לאַנג גענומען ווי זיי האָבען איינגעזעהן אַז די געטליכע וואָרנונג איז געווען אַ ריכטיגע, אָבער אַז דעם שטן׳ס הבטחה פון אייביגעם לעבען איז געווען אַ ליעגען. איבער זייער זינד האָט אַ קללה גע־רוהט אויף דער ערד (בראשית 17:3) און דער טויט איז געוואָרען דער גורל פון דער גאַנצער מענשהייט, „ווייל שטויב ביסטו, און צום שטויב וועסטו זיך אומקעהרען." פּ. 19, לעצטע העלפט. כדי זינד זאָל ניט פאַראייביגט ווערען, האָט גאָט די ערשטע פּאָר אַרויסגעשיקט פון גן־עדן, „טאָמער וועט ער נאָך אויסשטרעקען זיין האַנד, און נעהמען אויך פון דעם עץ־החים, און עסען און לעבען אייביג." בראשית 22:3.

די אומגעהאָרזאַמקייט פון אדם און חוה האָט אויפגעמאַכט די טויערען צו זינד און פאַרברעכען אין דער וועלט. זייער אָפּשטאַם האָט אַרויסגעוויזען



אדם און חוה אַרויסגעטריבען פון'ם גן־עדן. אַלע צרות פון
דער מענשהייט קומען פון עובר זיין דאָס געטליכע וואָרט

דיזעלבע שלעכטע אייגענשאפטען וועלכע זיי האבען געקראגען פון דעם פאר־פיהרער, און ווען זייער זוהן קין האט ערמארדעט זיין ברודער הבל, האט זייער טרויער ניט געהאט קיינע גרענעצען. אלס זיי האבען געמערקט אין זייערע קינדער און אין דער נאטור די שרעקליכע פאלגען פון זייער זינד, אלס זיי האבען צוגעזעהן די שלעכטיגקייט, די ליידען, דעם טויט, וועלכע זיי האבען אנגעבראכט אויף דער וועלט דורך זייער אומגעהארזאמקייט, האבען זיי תשובה געטהון מיט ביטערע טרערען, און האבען געטרויערט ביז׳ן סוף פון זייער לאנגען לעבען. אבער דעם שטראם פון זינד האבען זיי ניט געקענט אפהאלטען; עס האט זיך פארשפרייט און געמעהרט מיט אזא שנעלקייט דאס דער באריכט לויטעט אז,

„גאט האט געזעהן אז די זינדיגקייט פון דעם מענשען איז געווען גרויס אויף דער ערד, און אז איטליכער געדאנק פון זיין הארצען איז געווען נאר צום שלעכטען נאכאנאנד.“ בראשית 5:6. אזוי ווי קיין אנדער וועג איז מעהר ניט געליבען, האט גאט פארניכטעט יענעם דור מיט א מבול, און האט ארויסגעראטעוועט נח׳ן מיט זיין פאמיליע.

ווען מענשען ווילען זיך ניט מעהר צוהערען צו דער שטימע פון דעם רוח הקודש, און געבען נאך די אימפולסען און תאוות פון זייער הארצען, זעהט מען באלד די פאלגען דערפון אין פארדארבענהייט, שנאה, געלט־לוסט, שטרייט און מלחמה. אזוי איז עס געווען, און אזוי וועט עס ווייטער זיין ביז וואנען גאט וועט א סוף מאכען צו זינד. מיר לעבען אין א דור וועלכער דער־נעהנט זיך צום זינדיגען צושטאנד פון פאר׳ן מבול. ווען מיר דאס ערנסט נעהמען און רייניגען אונזער הארץ דורך געהארכען די געטליכע געבאט?

אזוי גיך ווי זינד האט צושטערט דעם געטליכען פלאן פאר דער מענש־הייט, האט גאט שוין געהאט אנגעגרייט דאס ריכטיגע מיטעל צו רעטען די מענשהייט. ווערענט אדם און חוה האבען זיך באמיהט אויסבאהאלטען זיך פון זייער באשאפער, האט ער זיי אויסגעזוכט און ווענדיגענדיג זיך צום שטן האט ער ארויסגעזאגט דיעזע ווערטער פול מיט האפענונג פאר דער מענשהייט:

„איך וועל א פיינדשאפט מאכען צווישען דיר און דער פרוי, און צווישען דיינע זאמען און איהרע זאמען; ער וועט דיר צוטרעטען דעם קאפ, און דו וועסט צוטרעטען זיין קנאפעל.“ בראשית 15:3.

די זאמען פון דער פרוי באדייטען דעם משיח וואס וועט קומען מציל זיין די מענשהייט פון זינד און איהרע פאלגען. דאס צוטרעטען דעם קאפ פון דער שלאנג איז א פארזיכערונג אז דער אויסלעזער וועט ארויס זיגרייך אין דעם קאמף מיט׳ן שטן, און דער שטן וועט ענדליך פארניכטעט ווערען. זאגט דער משיח דורך׳ן מויל פון דעם נביא, אלס ער זעהט פאראויס דעם לעצטען שטרייט מיט׳ן שונא פון מענשען:

„איך וועל דיך צו דער ערד ווארפען, און וועל דיך פאר קעניגע אוועקלע־גען...דאריבער וועל איך ארויסברענגען א פייער פון דיר, און עס וועט דיך

פאַרצעהרען, און איך וועל דיך צו אַש מאַכען פאַר די אויגען פון די וועלכע זעהן דיך...און דו וועסט מעהר קיינמאָל ניט זיין.״ יחזקאל 17:28-19.

„ער וועט מאַכען אַ גרינדליכען סוף; די צרה וועט זיך ניט באַווייזען אַ צווייטען מאָל.״ נחום 9:1. אלס אַלע אומצעהליגע וועלטען פון גאָט'ס באַשאַפונג זעהן צו דעם שטראָם פון זינד, טרויער, ליידען און טויט וועלכע דער שטן האָט פאַראורזאַכט אויף אונזער וועלט, באַגרייפען זיי שוין זיין אמת'ן כאַראַקטער. זיי זעהן שוין איין אַז ווען זיינע פרינציפען וואָלטען אָנגענומען געוואָרען וואָלט עס אָנגעבראַכט אַ כוואַליע פון צרה און אומגליק

COURTESY NEAR EAST RELIEF

יעדער אומגליק, יעדע טראַגעדיע איז דער רעזולטאַט פון זינד

איבער אַלע באַשאַפענישען. זיי זיינען איצט איבערצייגטער ווי אַלעמאָל אַז די האַרמאָניע, דער פריעדען, און דאָס גליק פון דער גאַנצער באַשאַפונג, העגנען אָפּ פון דער פּינקטליכער געהאָרזאַמקייט צו די געטליכע געבאָט, וועלכע זיינען דאָס געזעץ פון ליעבע. זיי אַנערקענען איצט אַז גאָט טהוט רעכט ווען ער פאַרניכטעט דעם שטן, דעם אָוטאָר פון זינד. „די צרה וועט זיך ניט באַווייזען אַ צווייטען מאָל.״ אַ דאַנק גאָט, עס וועט ניט מעהר זיין קיין ווידערהאָלונג פון דער צרה פון זינד אין דעם גאַנצען קאָסמאָס. אַלע באַגרייפען שוין קלאָר דעם אמת'ן כאַראַקטער פון זינד און קיינער וועט ניט מעהר וועלען קומען אונטער איהר מורא'דיגען איינפלוס. און ווען דער שטן, דער שונא, וועט פאַרניכטעט ווערען, וועט מעהר ניט זיין קיין זינד, שמערצען, שטרייט, בלוט-פאַרגיסונג, און די אַלע טרויעריגע ערשיינונגען וועלכע שטע־

לען אונס אין פארלעגענהייט. די קללה וועלכע רוהט איבער דער ערד וועט אויף אייביג אראפגענומען ווערען.

„אבער דו, א טורעם פון דער סטאדע, די פעסטונג פון דער טאכטער ציון, צו דיר וועט עס צוריקקומען, טאקע די אמאליגע הערשאפט; די הער־שאפט וועט צוריקקומען צו דער טאכטער ירושלים.“ מיכה 8:4. טייערע הבטחות ליעגען אין דיזען פסוק. צוליב די זינד האט דער מענש פאר־לוירען זיין הערשאפט וועלכע גאט האט איהם צום אנהויב געגעבען איבער דער ערד, און יענע הערשאפט איז איבערגעגאנגען צום פארפיהרער, דעם שטן. זעה איוב 7:1. אבער דער משיח, „דער טורעם פון דער סטאדע, די פעסטונג פון דער טאכטער ציון,“ וועט אלץ צוריקגעווינען דורך דעם טייערען אויסלעז־פרייז פון זיין בלוט, און די אמאליגע הערשאפט וועט דעם מענשען צוריקגעגעבען ווערען.

„ישראל וועט אויסגעלעזט ווערען מיט אן אייביגער אויסלעזונג; איהר וועט ניט פארשעהמט אדער צו שאנד ווערען אויף אימער און אייביג. ווייל אזוי זאגט גאט, וועלכער האט באשאפען די הימלען; דער גאט וועלכער האט באשאפען די ערד און האט זי געמאכט; ער האט זי געגרינדעט, ער האט זי ניט באשאפען אומזיסט, ער האט זי געפורעמט צו באוואוינט ווערען. איך בין גאט, און קיינער איז ניט מעהר.“ ישעיה 45: 17־19. כאטש זינד האט אויף א ווייל אפגעהאלטען דעם געטליכען פראגראם פאר דער וועלט, פארזיכערט אונס גאט אז זיין צוועק וועט נאך ערפילט ווערען, און דיזע ערד וועט באוואוינט ווע־רען מיט מענשען וואס וועלען זיין פריי פון זינד און איהר קללה.

„זעה, איך באשאף נייע הימלען און א נייע ערד, און די ערשטע וועלען פארגעסען ווערען, און ניט מעהר ארויפקומען אויף'ן געדאנק.“ ישעיה 17:65. אזוי פאלשטענדיג וועט גאט פארניכטען יעדע רעשט פון זינד, דאס די ערד וועט אויסזעהן ווי א נייע. און ווידער אמאל וועט אונזער ערד וויב־רירען מיט געזאנגען פון ליב צו איהר באשאפער, און גערעכטיגקייט און פריעדען וועלען הערשען דורך די אומענדליכע דורות פון אייביגקייט.

און פון די ליפען פון דער גאנצער באשאפונג וועט קומען אט דיזע שיר פון ליב און פארעהרונג:

„ער איז דער פעלז; זיין ווערק איז פאלקאמען, ווייל אלע זיינע דרכים זיינען גערעכטיגקייט. א גאט פון וואהרהייט און אהן זינד; הייליג און גע־רעכט איז ער.“ דברים 4:32.

אַ מערקווירדיגע נבואה און איהר ערפילונג

וואָס פאַר אַ וואונדערליך־באַגינסטיגט פאָלק זיינען געוועזן די קינדער פון אברהם! דיעזע גונסט איז זיי געגעבען געוואָרען שוין פון דעם טאָג אָן ווען גאָט האָט זיינע הבטחות געמאַכט צו אברהם זעלבסט. ווייל ווען גאָט האָט צו יצחק'ס פאָטער אַנטפּלעקט אַז זיינע קינדער וועלען זיין שקלאַפען אין מצרים האָט ער איהם צוגלייך פאַרזיכערט אַז „אין פיערטען דור וועלען זיי ווידער אַהער צוריקקומען. „בראשית 16:15. אין פאַרבינדונג מיט זייער באַפרייאונג פון מצרים, לעזען מיר: „און איך וועל געבען דיעזען פאָלק חן אין די אויגען פון די עגיפּטער; און עס וועט געשעהן, אַז ווען איהר וועט אַרויסגעהן, וועט איהר ניט אַרויסגעהן לעדיג.“ שמות 21:4.

עס איז אַלעמאָל געוועזן די געטליכע אַבזיכט צו אַנטפּלעקען די צוקונפט צו זיין פאָלק. גאָט האָט אַזוי שטאַרק געליבט אונזערע אבות דאָס ער האָט אַלעמאָל געזוכט רק צו טהון זיי גוטס. דורך דעם נביא עמוס דערוויסען מיר זיך אַז „דער האר גאָט וועט ניט טהון קיין זאַך סיידען ער אַנטפּלעקט זיינע סודות צו זיינע דיענער, די נביאים.“ עמוס 7:3. ווארום גאָט האָט זיין פאָלק אַזוי געליעבט ווערט אַנגעגעבען ווי פאָלגט:

„דער האר ליעבט אייך און האָט אייך אויסדערוועהלט, ניט דערפאַר וואָס איהר זייט גרעסער אין צאָל פון אַלע פעלקער; איהר זייט דאָך קליינער פון אַלע פעלקער, נאָר ווייל גאָט האָט אייך געליעבט, און ווייל ער וויל היטען זיין שבועה וואָס ער האָט געשוואוירען צו אייערע עלטערן, האָט גאָט אייך אַרויסגעבראַכט מיט אַ שטאַרקער האַנד, און האָט אייך אויסגעלעזט פון שקלאַ־פעריי און פון דער מאַכט פון פּרעה, קעניג פון מצרים.“ „דברים 8,7:7.

ווען עס איז געקומען די צייט אַז ישראל זאָל באַפרייט ווערען, איז צו־געגרייט געוואָרען די פּערזאָן וועלכע זאָל דאָס דורכפיהרען, און אברהמ'ס קינדער זיינען באַפרייט געוואָרען. אַזוי זיינען געמאַכט געוואָרען פיעלע נבואות וועגען ישראל, און דיעזע נבואות זיינען אַלעמאָל פּינקטליך ערפילט געוואָרען. אמת, עס האָבען אויך ניט געפעהלט קיינע פאַלשע נביאים, אָבער גאָט האָט שטענדיג געהאַט זיינע שליחים צו באַקאַנטמאַכען זיינע שליחות, און זיינע הבטחות זיינען שטענדיג ערפילט געוואָרען.

צו אַ געוויסער געלעגענהייט איז צו דניאל'ן ערשינען אַ מעכטיגער מלאך מיט אַ געטליכער שליחות. ביים ערשטען באַזוך פון מלאך האָט דניאל ניט גע־קענט אויסהערען אַלעם וואָס דיעזע שליחות האָט באַדייט. זעה דניאל 1:8־14,13,12; 15־17; 20־27. ווען דער נביא איז ווידער געזונט געוואָרען,

האָט ער זעהר געוואָלט וויסען די באַדייטונג פון דעם איבעריגען טייל פון דער זעהונג, און האָט גענומען שטודירען די פּראָפעטישע שריפטען, מיט דער האָפענונג אַז אַזוי אַרום וועט ער אַלץ פאַרשטעהן. ווי עס האָבען געטהון אַנדערע געטליכע מענשען, האָט ער גאָט געזוכט דורך פאַסטען, און תפילה. דניאל 1:9־3; ירמיהו 10:29־14. ווערהענט ער האָט אַזוי גאָט געזוכט, האָט זיך דער מלאך באַוויזען מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„אָ דניאל, איך בין איצט געקומען דיר געבען קענטניס און פאַרשטאַנד. צום אָנהויב פון דיין תפילה האָב איך דעם באַפעהל געקראָגען, און איך בין געקומען דיר עס צו ערקלעהרען, ווייל דו ביסט שטאַרק באַליעבט. אַלזאָ פאַרשטעהע דעם עסק, און באַטראַכט די זעהונג." דניאל 22:9,23.

דיעזער מלאך איז געוועזן גבריאל, דערזעלבער מלאך וועלכער האָט דניאל'ן פריהער באַזוכט. זעה דניאל 20:9־22. אָט איז אַ טייל פון דער שליחות וועלכע דער נביא האָט געהערט פון דעם הימלישען גאַסט:

„שבעים שבעים נחתך על־עמך ועל־עיר קדשך לכלא הפשע ולחתם חטאות ולכפר עון ולהביא צדק עלמים ולחתם חזון ונביא ולמשח קדש קדשים."———

„זיבעציג וואָכען (שמיטות) זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען אויף דיין פאָלק און אויף דיין הייליגער שטאָדט, צו מאַכען אַ סוף צו עברות, און צו מאַכען אַן ענד פון חטאים, און מכפּר צו זיין פאַר זינד, און אַריינצוברענגען אייביגע גערעכטיגקייט, און צו פאַרזיגלען די זעהונג און די נבואה, און צו זאַלבען דעם אַלערהייליגסטען." דניאל 24:9.

און דיעזען פּסוק באַטאָנט דער מלאך צעהן באַשטימטע זאַכען וואָס זאָלען געשעהן אין דיעזען פעריאָד: 1. זיבעציג שמיטות. 2. זיינען ענט־שיידעט געוואָרען. 3. אויף דיין פאָלק. 4. אויף דיין הייליגער שטאָדט. 5. צו מאַכען אַ סוף צו עברות. 6. צו מאַכען אַן ענד צו חטאים. 7. צו מכפּר זיין פאַר זינד. 8. אַריינצוברענגען אייביגע גערעכטיגקייט. 9. צו פאַרזיגלען די זעהונג און די נבואה. 10. צו זאַלבען דעם אַלערהייליגסטען.

עס איז זיכער אַז דיעזע ווערטער פון'ם מלאך צום נביא זיינען אַן ער־קלעהרונג פון יענעם טייל פון דער זעהונג וועלכע דער מלאך האָט ניט געהאַט די געלעגענהייט אויסצוטייטשען ביי'ן ערשטען באַזוך. דאַריבער זאָגט דניאל וועגען דעם מלאך גבריאל:

„ווערהענט איך האָב גערעדט אין תפילה, איז דער מאַן גבריאל, וועמען איך האָב צום אָנהויב געזעהן אין דער זעהונג, געקומען שנעל צו פליהען, און מיך אָנגערירהרט צו מנחה־צייט. און ער האָט מיר געגעבען צו פאַרשטעהן, און גע־רעדט צו מיר, און צו מיר געזאָגט." דניאל 21:9,22.

פון דער ערקלעהרונג וועלכע דער מלאך האָט געמאַכט צום אַלטען נביא, האָט דניאל באַגריפען אַז די „קענטניס און פאַרשטאַנד" וועלכע דער מלאך האָט איהם געגעבען האָבען קלאָר געמאַכט יענעם טייל פון דער זעהונג וועלכער איז פריהער ניט אויסגעטייטשט געוואָרען. און כדי אַז ביי דניאל'ן זאָל ניט



די דיאַגראַמע פון די 70 שמיטות אָדער 490 יאָהר. (1) און (2) ווייזט אַז די 490 יאָהר האָבען זיך אָנגעהויבען אין אָקטאָבער 457 פאַר קר. און האָבען זיך געענדיגט אין אָקטאָבער 34 נאָך קר.. (3) ווייזט אַז דער משיח איז געקומען נאָך די 69 שמיטות אָדער 483 יאָהר. (4) ווייזט אַז דער משיח איז געקומען אין דער לעצטער שמיטה און איז אָפגעשניטען געוואָרען (אַ קרבן פאַר אונזערע זינד) אין מיטען דער לעצטער שמיטה (אין 34 נ. קר.). איינצעלהייטען אויף זז. 52-60.

בלייבען קיין ספק וועגען וואָס עס באַדייטען די זיבעציג שמיטות, האָט גבריאל אַנונסירט דאָס פאָלגענדע:

„זיי אלזאָ וויסען און פאַרשטעהע אַז פון דעם אַרויסגעבען דעם דעקרעט צוריקצוגעהן און בויען ירושלים ביז צום משיח, דעם פירשט, וועט דויערען זיבען שמיטות און צוויי און זעכציג שמיטות; די גאַס וועט געבויט ווערען, און די וואַנט, טראָץ די אומרוהיגע צייטען. און נאָך די צוויי און זעכציג שמיטות וועט דער משיח אָפּגעשניטען ווערען, אָבער ניט פאַר זיך אַליין; און די שטאָדט און דאָס הייליגע הויז וועלען צושטערט ווערען פון דעם פאָלק פון פירשט וואָס קומט; די ענדע דערפון וועט זיין מיט אַ פאַרפלייצונג, און ביז צו דער ענדע פון דער מלחמה וועט זיין פאַרניכטונגג. און ער וועט באַשטע־טיגען דעם ברית מיט פיעלע וועהרענט איין שמיטה, און אין מיטען דער שמיטה וועט ער מאַכען אויפהערען דעם קרבן זבח ומנחה, יעדער העסליכער פליגעל וועט ברענגען צושטערונג, ביז עס וועט באַשלאָסען ווערען אַ שטרענ־גער אונטערגאַנג אויף דעם פאַרוויסטער.“ דניאל 9:25-27.

דער צוועק פון די זיבעציג שמיטות איז קלאָר. דער מלאך האָט געזאָגט צו דניאל אַז די זיבעציג שמיטות זיינען אָ פּ ג ע ש נ י ט ע ן געוואָרען אויף זיין פאָלק און אויף דער היילינער שטאָדט. אָבער פון וואָס זיינען אָט דיעזע שמיטות אָפּגעשניטען געוואָרען? כדי אָפּצושניידען אַ פעריאָד פון פיער הונדערט און ניינציג יאָהר פון אַ צווייטען פעריאָד צייט, מוז דיעזער צווייטער פעריאָד צייט זיין אַ גרעסערער ווי די 490 יאָהר וועלכע מע שניידט אָפּ דערפון. אַלזאָ ווי גרויס איז אָט דער פעריאָד צייט פון וועלכע 490 איז אָפּגעשניטען געוואָרען? אין דניאל 8:14 זאָגט דער מלאך גבריאל צום נביא דניאל:

„ביז צוויי טויזענט און דריי הונדערט טעג; דאַן וועט דאָס הייליגטום גערייניגט ווערען.“

לאָמיר דאָ איבערדערמאָנען דעם באַפעהל וועלכען דער מלאך האָט גע־קראָגען וועגען דער זעהונג וועלכע איז דניאל'ן פריהער געגעבען געוואָרען: „גבריאל, ערקלעהר דיעזען מאַן די זעהונג.“ דניאל 8:16. פאַר גבריאל'ס צווייטען באַזוך האָט דניאל ניט פאַרשטאַנען די צייט־פעריאָדען פון 8טען קאַפּיטעל דניאל. עס איז אוממעגליך אַז דער געטליכער שליח זאָל פאַרפעהלען איהם צו געבען די ערקלעהרונג צוליב וועלכער ער איז געשיקט געוואָרען. דניאל האָט פאַרשטאַנען כמעט די גאַנצע זעהונג פון 8טען קאַפּיטעל דניאל ביים ערשטען באַזוך פון מלאך, אויסער דעם צייט־פעריאָד פון די „2300 טעג,“ און ווען דער מלאך איז געקומען צום צווייטען מאָל און געזאָגט, „איך בין איצט געקומען דיר גיבען קענטנים און פאַרשטאַנד,“ איז קלאָר אַז דיעזע „קענטנים און פאַרשטאַנד“ זיינען דניאל'ן געגעבען געוואָרען צו פאַרשטעהן וואָס דיעזע צוויי טויזענט דריי הונדערט טעג באַדייטען. אַנדערש קען גאָרניט געמאָלט ווערען.

ווען דער נביא האָט דערהערט אז די זיבעציג שמיטות (490 יאָהר) זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען אויף זיין פאָלק, האָט ער תכוף פאַרשטאַנען אז דיעזע 490 יאָהר זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען פון די צוויי טויזענט דריי הונדערט טעג. אָבער ווי אזוי קען מען 490 יאָהר אָפּשניידען פון 2300 טעג? אזוי ווי די זעהונג פון 8טען קאַפּיטעל איז געגעבען געוואָרען אין א סימ־באָלישער שפּראַך, און דער מלאך האָט די סימבאָלען דערנאָך אויסגעטייטשט, אזוי האָט דניאל פאַרשטאַנען אז דיעזע צוויי טויזענט דריי הונדערט „טעג" זיינען אויך סימבאָלישע אָדער פּראָפעטישע, און ער האָט געוואָרט אז גבריאל זאָל זיי פאַר איהם אויסטייטשען. און דער מלאך האָט איהם טאַקע אויך ערקלעהרט אז דיעזע 2300 „טעג" זיינען פּראָפעטישע און באַדייטען 2300 יאָהר.

דניאל און יחזקאל האָבען פּראָפעצייעט אומגעפעהר צו דער זעלבער צייט. ווערענט דניאל איז געווען אין בבל, האָט יחזקאל פּראָפעצייעט וועגען ארץ ישראל. די צוויי נביאים האָבען זיך גוט געקענט. זעה יחזקאל 18,16,14:14, 20. ווערענט דניאל האָט געהאַט דיעזע זעהונגען, האָט אויך יחזקאל געקראָ־גען זיינע נבואות. אין דער נבואות וועלכע יחזקאל האָט געקראָגען, לויט דעם 4טען קאַפּיטעל פון זיינע שריפטען, האָט איהם גאָט ערקלעהרט אז ער איז א צייכען צום פאָלק ישראל. צוויי מאָל האָט איהם גאָט געהייסען ליעגען אויף זיין זייט: איינמאָל אויף דער לינקער, און איינמאָל אויף דער רעכטער. אלס ער האָט אזוי געטהון, האָט איהם גאָט ערקלעהרט:

„איך האָב אויף דיר אַרויפגעלעגט די יאָהרען פון זייערע זינד, לויט דעם נומער פון די ט ע ג, דריי הונדערט און ניינציג טעג. אזוי וועסטו טראָגען די זינד פון ישראל. און ווען דו האָסט דאָס ערפילט, לעג זיך דערנאָך אויף דיין רעכטער זייט, און דו וועסט טראָגען די זינד פון יהודה פ י ע ר צ י ג ט ע ג; א י ך ה אָ ב ד י ר ב א ש ט י מ ט י ע ד ע ן ט אָ ג פ אַ ר א י אָ ה ר." יחזקאל 6-3:4.

אוים דיעזע ווערטער איז קלאָר אז א פּראָפעטישער טאָג מיינט א יאָהר. דאָס זעלבע איז באַשטעטיגט אין משה'ס שריפטען. זעה במדבר 34:14. אלזאָ ווען דניאל האָט דערהערט אז די 490 יאָהר זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען, האָט ער גלייך פאַרשטאַנען אז דאָס זיינען זיי אָפּגעשניטען געוואָרען פון די 2300 „טעג," און דיעזע „טעג" זיינען פּראָפעטישע, און באַדייטען 2300 יאָהר. כדי צו האָבען א קלאָרען באַגריף וועגען דיעזע פּעריאָדען צייט, זעה די דיאַגראַמע אויף זייטע 51.

אַרונטערנעהמען אָדער אָפּשניידען 490 יאָהר פון 2300 יאָהר לאָזט איבער 1810 יאָהר. אָבער דער מאַלך גבריאל רעדט ניט יעצט וועגען די 2300 אָדער 1810 יאָהר, נאָר נעהמט זיך אַנאַליזירען די 490, דאָס הייסט די זיבעציג שמיטות. מערקט ווי פּאַרזיכטיג און קלאָר דער מלאך ערקלעהרט דיעזע 490 יאָהר. צוערשט דערמאָנט ער א צאָל אינטערעסאַנטע געשעהענישן

וואָס וועלען אין זיי פאָרקומען; צווייטענס צייגט ער ווען דיעזער פעריאָד וועט זיך אָנהויבען; דריטענס צוטיילט ער די זיבעציג שמיטות אין דריי סעק־ציעס, נעמליך, זיבען, צוויי און זעכציג, און איינס, וואָס צוזאמען מאַכט עס אוים זיבעציג. (זעה דיאַגראַמע).

עס איז אָבער קלאָר אז דער אָנהויב פון די 490 יאָהר איז אויך דער אָנהויב פון די 2300 יאָהר, ווייל דער קליינערער נומער איז דאָך גענומען פון דעם גרעסערן. איצט ערקלעהרט דער מלאך גבריאל דעם נביא ווען אָנצוהויבען רעכנען דיעזע צייט:

„זיי אלזאָ וויסען און פאַרשטעהע אז פון דעם ארויסגעבען דעם דעקרעט צוריקצוגעהן און בויען ירושלים ביז צום משיח דעם פירשט וועט דויערען זיבען שמיטות און צוויי און זעכציג שמיטות.“ דניאל 25:9. זיבען און צוויי און זעכציג שמיטות מאַכט נייין און זעכציג שמיטות אָדער 483 יאָהר. פון דער צייט אָן ווען דער באפעהל וועט געגעבען ווערען צוריקצוגעהן און בויען ירושלים ביז'ן קומען פון דעם משיח וועט נעהמען 483 יאָהר. דאָס איז קלאָר, און קיין מיספאַרשטענדניש קען דאָ ניט געבען. ערגעץ אין די הייליגע שריפ־טען מוז זיך געפינען אָט דער באפעהל צו בויען ירושלים. פון דעם מאָמענט אָן וואָס אזא באפעהל איז אריין אין קראַפט, ביז צום משיח וועט דויערען 483 יאָהר. איז ניט ווערט אזא פראָפעצייאונג אויספרופען און אונטערזוכען? קען מען זיך פאָרשטעלען אז גאָט וועט שיקען מלאך גבריאל מיט אזא שליחות, און וועט פארפעהלען צו ערפילען וואָס עס איז פאָראויסגעזאָגט געוואָרען? וועט אונזער הימלישער פאָטער געבען א שטיין ווען מיר בעטען פון איהם ברויט? געוויס ניט.

די פראַגע איז איצט, וואו געפינען מיר אזא באפעהל אויפצובויען ירושלים, ווי דער מלאך האָט פאָראויסגעזאָגט? דער פאַקט איז אז עס זיינען

דער קעניג שרייבט אונטער דעם דעקרעט אויפצובויען ירושלים

געגעבען געוואָרען דריי אזעלכע באפעהלע אויפצובויען די רואינען פון ירושלים; און דיעזע דריי באפעהלע צוזאמען זיינען עם די ערפילונג פון דעם

מלאך'ס ווערטער. א קצור פון דיעזע דריי דעקרעטען איז אויסגעדריקט אין די פאלגענדע ווערטער:

„און די עלטסטע פון די אידען האבען געבויט און באגליקט, לויט דער פראפעצייאונג פון נביא חגי און זכריה, עדוא'ס זוהן. און זיי האבען עס גע־בויט און פארענדיגט לויט'ן באפעהל פון גאט פון ישראל און די באפעהלע פון כורש, דריוש, און ארתחששתא, קעניג פון פרס.“ עזרא 14:6.

מיר זעהן אלזא אז דריי פערסישע קעניגע האבען ארויסגעגעבען דעקרעטען צום ווידערבויען פון ירושלים, און אז דיעזע דריי דעקרעטען זיינען די ערפילונג פון געטליכען פלאן. מע זעהט דא אלזא די פארבינדונג צווישען דער פראַ־פעצייאונג פון גבריאל אין דניאל 25:9 און דער ערפילונג. די דעקרעטען פון פון די דריי קעניגע זיינען אלע פארצייכענט אין דעם בוך פון עזרא. אין ערשטען קאפיטעל פפ. 1־4 איז דער דעקרעט פון כורש. דריוש'ס דעקרעט געפינט זיך אין עזרא 1:6־13; און דער דעקרעט פון ארתחששתא איז פאר־שריבען אין עזרא 11:7־26. לויט דער ביבלישער כראנאלאגיע איז דער ער־שטער דעקרעט ארויסגעגעבען געווארען אין 536 פ. ק. (פאר קריסטוס'ן); דער צווייטער אין 519 פ. ק. ; און דער דריטער אין 457 פ. ק.. צווישען ערשטען און לעצטען דעקרעט האט אלזא געדויערט 79 יאהר. אלזא פון וועלכען פון דיעזע דריי דאטומס זאלען מיר רעכענען די צייט? פון 536 אדער פון 457? מערקט די ווערטער פון גבריאל:

„זיי אלזא וויסען און פארשטעה, אז פון דעם ארויסגעבען דעם דעקרעט צוריקצוגעהן און בויען ירושלים ביז צום משיח וועט דויערן.“...א. ז. וו..דניאל 25:9.

האט כורש ארויסגעגעבן א באפעהל צוריקצוגעהן און בויען ירושלים? מיט 170 יאהר איידער כורש איז געווארען קעניג פון פערסיע, האט גאט דורך ישעיה הנביא פאראויסגעזאגט וואס כורש וועט אויפטהון, און אט איז די נבואה:

„וועלכער זאגט צו דער טיפעניש: ווער טרוקן, און איך וועל אויסטרוקענען דיינע טייכען. וועלכער זאגט וועגען כורש, אז ער איז מיין פאסטוך, און וועט אויספיהרען מיין פארלאנג; וואס וועט זאגען צו ירושלים: דו וועסט געבויט ווערען; און צום טעמפעל, דיינע גרונטען וועלען געלעגט ווערען.“ ישעיה 28,27:44.

כאטש גאט האט פאראויסגעזאגט אז כורש וועט ארויסגעבען א דעקרעט צו בויען דעם טעמפעל, מיינט עס ניט ער זאל פארענדיגען דעם אויפבוי פון ירושלים. ניין, דיעזער הערשער האט נאר געלעגט די „גרונטען“ פון הייליגען הויז. מיט אנדערע ווערטער הייסט עס אז כורש וועט בלויז ערפילען זיין חלק פון געטליכען פלאן פאר ישראל. מיר קענען אלזא ניט אנהויבען רעכענען די זיבעציג שמיטות פון דער צייט ווען כורש האט ארויסגעגעבען זיין דעקרעט; דיעזער דעקרעט ערפילט ניט אלע פרטים. לעזענדיג דעם 5טען קאפיטעל פון

עזרא געפינען מיר אז די שונאים פון ישראל האָבען רק געזוכט ווי צו צושטע־רען די אַרבייט וואָס מען האָט אָנגעפאַנגען אין אויפבויען די שטאָדט לויט'ן דעקרעט פון כורש. קעניג דריוש האָט באַפעהלט אז מען זאָל מאַכען אַן אונ־טערזוכונג פון די דאָקומענטען, און מען האָט אויסגעפונען אז כורש האָט טאַקע אַרויסגעגעבען אַזאַ דעקרעט. דריוש האָט גלייך באַשטעטיגט כורש'ס דעקרעט, און האָט ערמוטיגט דאָס פאָלק פאָרטצוזעצען זייער אַרבייט, און האָט געוואָרענט זייערע שונאים קעגען שטערען דאָס ווערק. אַלזאָ דער דע־קרעט פון דריוש איז ניט מעהר ווי אַ ווידערהאָלונג אָדער באַשטעטיגונג פון כורש'ס דעקרעט, און מיר קענען זיך ניט רעכענען דערמיט, ווייל עס ערפילט ניט אַלע פּרטים פון גבריאל'ס פּראָפעצייאונג.

אָבער ווען מיר באַטראַכטען דעם דעקרעט פון קעניג ארתחששתא, לויט עזרא 7:11־26, געפינען מיר אַז זיין דעקרעט ערפילט יאָ אַלע קאָנדיציעס צום צוריקגעהן און אויפבויען ירושלים. עס איז ניט אויסגעלאָזען אין אָט דעם דע־קרעט קיין איינצעלהייט וואָס איז נויטיג צום פאַרענדיגען די אויפבויאונג. עס איז אַלזאָ קלאָר אַז ווען דער מלאך האָט געזאָגט אַז „פון דעם אַרויסגעבען דעם דעקרעט צוריקצוגעהן און אויפבויען ירושלים ביז צום משיח דעם פירשט" האָט ער געהאַט אין זינען דעם דעקרעט פון ארתחששתא, קעניג פון פּערסיע. דיעזער דעקרעט איז געגעבען געוואָרען אין זיבעטען יאָהר פון זיין הערשאַפט. זעה עזרא 7:7. לויט אומבאַשטריטענער כראָנאָלאָגישער רעכענונג איז זיין זיבעטער יאָהר אויסגעפאַלען אין 457 פ. קר.

ווען דיעזער דעקרעט איז געגעבען געוואָרען, איז דאָס יאָהר באַשטאַנען פון צוועלף מאָנאַטען, אַזוי ווי היינט. דיעזע מאָנאַטען האָט מען גערעכענט ווי פאָלגט:

ערשטער חדש (שמות 21:12)	זיבעטער חדש (יחזקאל 25:45)
צווייטער חדש (שמות 1:16)	אַכטער חדש (א מלכים 32:12)
דריטער חדש (שמות 1:19)	ניינטער חדש (זכריה 1:7)
פיערטער חדש (ירמיהו 2:39)	צעהנטער חדש (יחזקאל 1:24)
פינפטער חדש (ירמיהו 1:28)	עלפטער חדש (דברים 3:1)
זעקסטער חדש (חגי 1:1)	צוועלפטער חדש (אסתר 1:9)

דער ערשטער חדש פון ביבלישען יאָהר איז אויסגעפאַלען אין אביב, וואָס איז ניסן. דער צוועלפטער איז אדר. אין וועלכען מאָנאַט פון יאָהר 457 פ. קר. איז דער דעקרעט אַריין אין קראַפט? דאָס קענען מיר אויסגעפינען פון דער ביבעל זעלבסט, ווייל דער מלאך האָט געזאָגט אַז פון דעם דעקרעט ביז צום משיח דעם פירשט וועט דויערען 69 שמיטות, אָדער 483 יאָהר. אייניגע רבנים האַלטען אַז דער אויסדרוק „משיח נגיד" מיינט כורש'ן, און זיי געבען אָן אַלס אורזאַכע אַז „משיח" מיינט „געזאַלבטער," ווייל עס שטעהט אין ישעיה 1:45 אַז „אַזוי האָט געזאָגט גאָט צו זיין געזאַלבטען, צו כורש." דערפון באַשליסען די למדנים אַז אַזוי ווי כורש איז געזאַלבט געוואָרען הייסט

עס ער מוז עס זיין דיעזער „משיח“ וועגען וועלכען דער מלאך רעדט. אָבער אַז דיעזער שטאַנדפּונקט איז דורכאוים פאַלש קען מען זעהן איבער עטליכע אורזאַכען:

ערשטענס: כורש איז געווען אַנפאַרטרויעט אַרויסצוגעבען דעם דעקרעט פון אויפבויען. אָבער דיעזער דעקרעט איז ערשט געגעבען געוואָרען ווען כורש איז געוואָרען קעניג פון פּערסיע.

צווייטענס: כמעט פינף הונדערט יאָהר מוז דויערען ביז דער „משיח נגיד“ זאָל קומען.

דריטענס: ירושלים און דאָס טעמפּעל וועלען געבויט און פאַרענדיגט ווערען איידער דער „משיח“ וועט קומען. אָבער כורש איז געשטאָרבען הונדערטער יאָהר איידער דיעזע נבואה איז ערפילט געוואָרען.

פיערטענס: לויט גבריאל'ס ווערטער וועט דער משיח פאַרשניטען ווערען, און ניט פאַר זיך. עס איז ניטאָ קיין באַווייז אַז דאָס האָט פּאַסירט מיט כורש'ן.

דער לעצטער נביא פון די נביאים פון אַלטען טעסטאַמענט האָט געלעבט זעכציג יאָהר נאָך ארתששתא'ס דעקרעט. מיט די שריפטען פון מלאכי ענדיגען זייער ווערק די נביאים פון אַלטען טעסטאַמענט. וואו, אַלזאָ, זאָלען מיר זיך קעהרען אום אויסצוגעפינען די ערפילונג פון דער נבואה אַז נאָך 69 שמיטות וועט קומען דער „משיח נגיד?“ אין קיינע אידישע שריפטען איז ניטאָ אַזאַ באַריכט. עס איז פאַראַן נאָר איין קוואל פאַר דער אינפאָרמאַציע וועלכע מיר זוכען, און דאָס איז דער נייער טעסטאַמענט. דאָרט געפינען מיר אַ אינטערעסאַנטע און פּינקטליכע ערפילונג פון דיעזער נבואה. אין לוקאס, קאַפּיטעל 1 פּפּ., 1־4 ווערט געזאָגט אַז עס האָט זיך באַוויזען אַ מאַן מיט'ן נאָמען יוחנן המטביל. עס ווערט אויך דייטליך אָנגעגעבען די צייט פון זיין קומען. מיר האָבען פּינקטליכע און באַשטימטע באַווייזע פון דעם אינצידענט וואָס ווערט באַשריבען. דער באַריכט פון לוקאס איז פאָלגליך:

„און אין פופצענטען יאָהר פון דער הערשאַפט פון'ם קיסר טיבריוס ווען פּנטיוס פּילטוס איז געווען גובערנער פון יהודה, און הורדוס דער טעטראַרכים פון גליל, און זיין ברודער פיליפּוס דער טעטראַרכים פון איטוריאָ און טראַכונאָ, און לוסאַניאַס דער טעטראַרכים פון אַבילענאָ; ווען חנן און קיפא זיינען געווען די הויפּט כהנים, איז דאָס וואָרט געקומען צו יוחנן, דעם זוהן פון זכריה, אין מדבר. און ער איז געקומען צו דער גאַנצער געגענד פון ירדן, און האָט געפּרעדיגט די טבילה פון תשובה צו דער פאַרגעבונג פון זינד; אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין דעם ספר פון ישעיה הנביא, די שטימע פון איינעם וועלכער רופט אוים אין דער מדבר, מאַכט גרייט דעם וועג פון האַר, מאַכט גלייך זיינע שטעגען.“ לוקאס 1:3־4.

דיעזער יוחנן האָט אַזוי געפּרעדיגט זעקס מאָנאַטען אין געגענד פון ירדן. פיעלע האָבען געדענקט אַז ער איז עס דער משיח, אָבער ער האָט אַלעמאָל

פאַרזיכערט אַז ניט. אָבער ער האָט אויך באַקאַנטגעמאַכט אַז דער משיח איז צווישען זיי. ווענגען דעם משיח לעזען מיר ווי פאָלגט:

„ווען אַלע פון פאָלק זיינען געטובלט געוואָרען, איז געשעהן אַז ישוע איז אויך געטובלט געוואָרען, און אַלס ער האָט דערביי געבעטען האָט דער הי־מעל זיך געעפענט, און דער רוח הקודש איז אויף איהם אַראָפּגעקומען אין לייבליכען געשטאַלט, ווי אַ טויב, און אַ שטימע איז פון הימעל געקומען, וואָס האָט געזאָגט, דו ביסט מיין געליבטער זוהן, מיט וועלכען איך בין גאַנץ צו־פריעדען.“ לוקאס 22,21:3. דיעזער אינצידענט האָט פּאַסירט אין דעם יאָהר 27 נאָך קריסטוס געבורט.

דער מלאך גבריאל האָט געזאָגט (דניאל 25:9) אַז ביז צום משיח וועט דויערען 483 יאָהר. איז דיעזער ישוע געווען דער משיח? לאָמיר הערען די עדות פון אידען וועלכע האָבען צוגעזעהן דיעזע פּאַסירונגען:

„איינער פון די צוויי וועלכע האָבען געהערט יוחנן'ען רעדען און האָבען איהם (ישוע'ן) נאָכגעפאָלגט, איז געווען אנדרי, דער ברודער פון שמעון פּעט־רוס. דיעזער האָט צוערשט געפונען זיין אייגענעם ברודער שמעון, און האָט צו איהם געזאָגט, מיר האָבען געפונען דעם משיח וואָס איז פאַרטייטשט, קריס־טוס.“ יוחנן 41,40:1.

דאָס העברעאיש וואָרט „משיח“ האָט די זעלבע באַדייטונג ווי „קריסטוס,“ וואָס איז אַ גריכיש וואָרט.ביידע ווערטער באַדייטען „דער געזאַלבטער.“ דער איד אנדרי האָט געזאָגט צו זיין ברודער שמעון אַז ער האָט געפינען דעם געזאַלבטען, דעם משיח. מיט וואָס איז ישוע געזאַלבט געוואָרען? מיר האָבען נאָר וואָס ציטירט פון די שריפטען פון לוקאס אַז ישוע איז געזאַלבט געוואָרען מיט דער רוח הקודש. דאָס איז באַשטעטיגט געוואָרען פון שמעון פּעטרוס מיט יאָהרען שפּעטער:

„גאָט האָט געזאַלבט ישוע פון נוצרות מיט דעם רוח הקודש און מיט מאַכט; וועלכער איז ארומגעגאַנגען און גוטס געטהון, און האָט געהיילט די וועלכע זיינען פון שטן באַדריקט געווען; ווייל גאָט איז געווען מיט איהם.“ אַפּאָסטעלגעשיכטע 38:10. מיר האָבען אויסגעפונען אַז ישוע איז געזאַלבט געוואָרען פון רוח הקודש און 27 נ. קר. און פון דעם מאָמענט אָן איז ער גערעכענט געוואָרען אַלס דער משיח, דער געזאַלבטער. מיר האָבען נאָך ניט אויסגעפונען אין וועלכען חדש פון יאָהר 27 ער איז געוואָרען דער משיח.

מלאך גבריאל האָט געזאָגט אַז דער משיח „וועט באַשטעטיגען דעם ברית מיט פיעלע וועהרענט איין שמיטה,“ ד. ה. זיבען יאָהר; אָבער אין מיטען דער שמיטה, דאָס הייסט, נאָך דריי און אַ האַלב יאָהר, וועט דער משיח לאָזען אויפהערען קרבן זבח ומנחה. זעה דניאל 27:9. פרעגט זיך, איז עס אמת אַז ישוע הנוצרי האָט געלעבט נאָר דריי און אַ האַלב יאָהר זייט ער איז גע־זאַלבט געוואָרען מיט דעם רוח הקדוש? דאָס איז אַבסאָלוט ריכטיג. אַלס ער איז געשטאָרבען איז די פּרכת פון דעם בית המקדש אין צווייען צוריסען גע־

וואָרען פון אויבען אראָפּ, (אָהן מענשליכער האנד) אלס צייכען דאָס דער קרבן זבת ומנחה האָט מעהר קיין זינען ניט געהאַט. מתי 51,50:27.

אין וועלכען מאָנאַט איז ישוע געשטאָרבען? דאָס איז ערקלעהרט אין נייעם טעסטאַמענט:

„דאריבער רייניגט אויס דעם אלטען חומץ כדי איהר זאָלט זיין א נייע טעג, אלס איהר ווערט אומגעזויערט. ווייל דער משיח אונזער קרבן פּסח איז פאַר אונס געאָפּפערט געוואָרען." א קאָרינטער 7:5. ישוע איז געשטאָרבען אום פּסח. זעה מתי 2:27.

רעכענדיג צוריק דריי און א האלב יאָהר פון דער צייט פון זיין טויט צו דער צייט ווען ער האָט אָנגעהויבען זיין ווערק אלס דער משיח ביי זיין זאלבונג, ברענגט עס אונס צום זיבעטען ביבלישען מאָנאַט. פּסח פאַלט אויס אום ניסן אָדער אביב. דער משיח האָט געזאָלט „אָפּגעשניטען ווערען" מיט דריי און א האלב יאָהר נאָך זיין זאלבונג. זעה דניאל 27,26:9. קומט אלזאָ אויס אז אין יאָהר 27 נ. קר. דעם זיבעטען ביבלישען מאָנאַט, איז ישוע געוואָרען משיח. דערפון איז צו זעהן אז די נבואה פון מלאך גבריאל אין דניאל 25:9, אז „פון דעם אַרויסגעבען דעם באפעהל צוריקצוגעהן און אויפבויען ירושלים ביז צום „משיח נגיד" וועט דויערען 69 שמיטות, אָדער 483 יאָהר, אז דיעזער פּעריאָד האָט זיך אָנגעהויבען אין דעם זיבעטען מאָנאַט פון יאָהר 457 פ. קר. און איז ערפילט געוואָרען אין זיבעטען מאָנאַט פון דעם יאָהר 27 נ. קר.. אַזוי איז פּינקטליך ערפילט געוואָרען דאָס וואָרט פון'ם מלאך אז עס וועט דויערען 69 שמיטות ביז צום משיח. דאָס איז גענוי און בוכשטעבליך ערפילט געוואָרען.

אום צו באשטעטיגען אָט דיעזע ערפילונג, לעזען מיר אין נייעם טעסטאַמענט:

„נאָך דעם ווי יוחנן איז אריינגעזעצט געוואָרען אין דער תפיסה, איז ישוע געקומען קיין גליל, און געפּרעדיגט די בשורה טובה פון מלכות השמים. און האָט געזאָגט: „ד י צ יי ט א י ז ע ר פ י ל ט, און דאָס מלכות האלהים איז נאָהענט; טהוט תשובה און גלויבט די בשורה טובה." מארקוס 15,14:1.

פרעגט זיך: וועלכע צ יי ט איז דאָס ערפילט געוואָרען? נאָר איינע אַזאַ צייט איז פאַראַן, און דאָס איז די צייט וועגען וועלכער דער מלאך גבריאל האָט פאָראויסגעזאָגט אין דניאל 27-25:9, אז עס וועט דויערען 483 יאָהר ביז צום משיח נגיד.

נאָך דעם ווי דער משיח איז אָפּגעשניטען געוואָרען, זאָגט דער מלאך, וועט נאָך בלייבען א האלבע שמיטה פון די זיבעציג שמיטות. וועהרענט די דריי און א האלב יאָהר נאָך דעם טויט, תחית המתים, און אויפשטייגונג פון משיח צום הימעל, איז די גוטע בשורה פון משיח'ס קומען אָנגעזאָגט געוואָרען צו די צעהנדליגע און הונדערטער טויזענטער אידען אין ירושלים, יהודה, קפר־נחום, גליל, און אין אלע ארומיגע ערטער וואו נאָר אידען האָבען געוואוינט; און

דערמיט האָט זיך געענדיגט די זיבעציגסטע שמיטה. דאָס איז געווען אין יאָהר 34 נ. קר.. אזוי האָבען זיך געענדיגט די 490 יאָהר. די ווערטער פון מלאך זיינען מקיום געוואָרען. אָבער דער מלאך האָט ווייטער געזאָגט:

„און ער וועט באשטעטיגען דעם ברית מיט פיעלע וועהרענט איין שמיטה; און אין מיטען דער שמיטה וועט ער מאַכען אויפהערען דעם קרבן זבח ומנחה. און נאָך צוויי און זעבציג שמיטות וועט דער משיח אָפּגעשניטען ווערען, אָבער ניט פאַר זיך; און דאָס פאָלק פון דעם פּרינץ וואָס וועט קומען וועט צושטערען די שטאָדט און דאָס בית המקדש.“ דניאל 9:26,25.

זיינען דיעזע ווערטער פון'ם מלאך בוכשטעבליך ערפילט געוואָרען? וואָס באַדייטען דיעזע טרויעריגע ווערטער וועלכע אידען טהון יעדעם יאָהר ווידער־האָלען אין תפילה, „און צוליב אונזערע פיעלע זינד האָבען מיר מעהר ניט... קיין טעמפּעל, קיין קרבן...?“ ווער ווייס דען ניט אַז ירושלים איז צושטערט געוואָרען עטליכע און דרייסיג יאָהר נאָך'ן משיח'ס טויט, און אַז דאָס בית המקדש איז פאַרשוועכט און פאַרברענט געוואָרען צו דער זעלבער צייט? ניט אפילו איין וואָרט פון גאָט האָט פערפעהלט ערפילט צו ווערען.

מע דאַרף אָבער ניט פאַרגעסען אַז די 490 יאָהר זיינען אָפּגעשניטען (נחתך) געוואָרען פון די 2300 יאָהר פון דניאל 14:8. מיר האָבען שוין געזעהן אַז נאָך אָרונטערנעהמען 490 יאָהר פון 2300 בלייבט 1810. און אַזוי ווי די 490 יאָהר האָבען זיך געענדיגט אין 34 נ. קר. , קומט אויס אַז ווען מע זאָל צוגעבען 1810, וואָס איז די רעשט פון די 2300 יאָהר, וועט עס אונס ברענגען צו 1844 נ. קר., צום זיבעטען מאָנאַט, תשרי. און וועלכער מאָנאַט וואָלט עס געהייסען אין דעם קריסטליכען קאַלענדאַר?

די ביבלישע מאָנאַטען פאַלען אומגעפעהר אוים מיט די פאָלגענדע קריסט־ליכע מאָנאַטען: ניסן מיט אַפּריל; איר מיט מאַי; סיבן מיט יוני; תמוז מיט יולי; אב מיט אָוגוסט; אלול מיט סעפּטעמבער; תשרי מיט אָקטאָבער; חשבן מיט נאָוועמבער; כסליב מיט דעצעמבער; טבת מיט יאַנואַר; שבט מיט פעברואַר; אדר מיט מערץ.

לויט דיעזען פאַרגלייך זעהט מען אַז די 490 יאָהר, אָדער זיבעציג שמיטות האָבען זיך געענדיגט אין אָקטאָבער 27 נ. קר. ; און די 2300 יאָהר אין אָק־טאָבער 1844. און ווייטערע קאַפּיטלאַך וועלען מיר אויסגעפינען וואָס עס איז פאָרגעקומען אין 1844, ווייל, ווי עס זאָגט דער נביא, „געוויס וועט גאָט ניט טהון קיין זייך, סיידען ער אַנטפּלעקט זיינע סודות צו זיינע דינער די נביאים.“ עמוס 7:3.

גאָט האָט קלאָר אַנטפּלעקט די צייט פון משיח'ס קומען דעם ערשטען מאָל. ער וועט אונס אויך ניט לאָזען אין אומוויסענהייט וועגען וואָס עס האָט פּאַ־סירט אין 1844. ווייל דער מלאך האָט געזאָגט צו דניאל'ן „די קלוגע וועלען פאַרשטעהן.“ דניאל 8:12־10.

קאַפּיטעל 7

די ענליכקייט צווישען אַלטען און נייעם טעסטאַמענט

צווישען די פיעלע שעהנע פּסוקים פון תנ"ך וועלכע באַווייזען די האַר־מאָנישע פאַרבינדונג צווישען דעם אַלטען און נייעם טעסטאַמענט, זיינען פאַראַן צוויי וויכטיגע פּסוקים וועלכע באַציהען זיך באַזונדער קלאָר אויף דער געטליכקייט פון דעם משיח. דיעזע פאַרבינדונג צווישען גאָט פון תנ"ך מיט דעם משיח פון נייעם טעסטאַמענט איז אַזוי אויגענשיינליך און איבערצייגענד, דאָס אַפילו אידישע שרייבער וועלכע אַנערקענען ניט די געטליכקייט פון ישוע געבען צו אַז אין דיעזע פּסוקים איז יאָ פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישען גאָט און דעם משיח וועלכער דאַרף קומען.

דער ערשטער פון דיעזע פּסוקים געפינט זיך אין ירמיהו 6,5:23 און לעזט זיך ווי פאָלגט: „זעה די טעג קומען, זאָגט גאָט, ווען איך וועל אויפשטעלען צו דוד אַ גערעכטען צוייג, און אַ קעניג וועט רעגיערען און וועט באַגליקען, און וועט טהון משפּט און צדקה אין דעם לאַנד. אין זיינע טעג וועט יהודה געהאָלפען ווערען, און ישראל וועט וואוינען אין זיכערהייט, און דאָס איז זיין נאָמען מיט וועלכען ער וועט גערופען ווערען יהוה אונזער גערעכ־טיגקייט."

דער צווייטער פּסוק איז דער פאָלגענדער: „און דו זאָלסט צו איהם זאָגען, אַזוי זאָגט יהוה צבאות, זעה, דעם מאַן וועמעס נאָמען איז דער צוייג; און ער וועט אויסוואַקסען פון זיין אָרט, און ער וועט בויען דעם טעמפּעל פון גאָט. יאָ, ער וועט בויען דעם טעמפּעל פון גאָט; און ער וועט טראָגען דעם כבוד, און וועט זיצען און הערשען אויף זיין טהראָן; און דער פריעדענס־ראַטה וועט זיין צווישען זיי ביידע. „זכריה 13,12:6.

אין זייער פּירוש אויף דיעזע פּסוקים פון ירמיהו האָבען אַלטע רבינישע למדנים אַלע מסכים געווען אויף דער פאָלגענדער אויסטייטשונג: „צו דוד'ס אָפּשטאַמונג וועל איך אויפשטעלען אַ גערעכטען צוייג, דאָס הייסט, דעם משיח. און דער קעניג משיח וועט רעגיערען און באַגליקען." אַזעלכע גאונים ווי ר"שי, די אָטאָרען פון פּירושים אויף דוד, און פּירושים אויף ציון, און אַנקעלאָס נעהמען דיעזען שטאַנדפּונקט. עס איז געוואָרען אַ כלל ביי די רבנים אַז דער „צמח," (דער צווייג), פון דיעזען פּסוק איז דער קעניג משיח. דאָס זעלבע איז ריכטיג וועגען די פּסוקים אין זכריה 13,12:6. לויט אָט דיעזען פּרושים אויף דיעזע צוויי פּסוקים פון תנ'ך, ווערט צוגעגעבען אַז ביבלישע קאָמענטאַטאָרס פאַר קריסטוס'ן און גלייך נאָך קריסטוס' קומען האָבען אַנערקענט די געטליכקייט פון משיח.

אלס באשטעטיגונג פון דיעזען שטאנדפונקט, אז משיח איז גלייך צו גאָט, זיינען פאראן נאָך צוויי פסוקים וועלכע שטארקן דיעזע איבערצייגונג: „שטעה אויף, אָ שווערד, קעגען מיין פאסטוך, און קעגען דעם מאן וואס איז מיין גלייך, זאָגט יהוה צבאות; שלאָג דעם פאסטוך, און די שאָף וועלען צושטרייט ווערען.“ זכריה 7:13.

אלטע רבינישע למדנות האט דיעזען פסוק אויסגעטייטשט אזוי: „זאָגט גאָט: דו, שווערד, שטעה אויף קעגען מיין פאסטוך, און קעגען מיין חבר, דעם וועלכען איך האב אויסגעקליבען צו זיין מיין חבר.“ „פירושים אויף זכריה,“ רבי יואל לעווענסאָן, ווארשע, אויסגאבע 1873.

ווידער שטעהט: „דער האר האט געזאָגט צו מיין האר, זיץ צו מיין רעכטער האנד, ביז איך וועל מאכען דיינע שונאים דיין פוסבענקעל.“ תהלים 1:110. דער בעסטער פירוש אויף דיעזע ווערטער איז פאראן אין א געשפרעך צווישען ישוע המשיח און די פרושים: „ווערהענט די פרושים האבען זיך פארזאמעלט, האט ישוע זיי געפרעגט, זאָגענדיג: וואס דענקט איהר וועגען דעם משיח? וועמעס זוהן איז ער? האבען זיי געענטפערט: דוד'ס זוהן. האט ער צו זיי געזאָגט: ווי קומט אלזאָ וואס דוד אין גייסט רופט איהם ה א ר , זאָגענדיג: דער האר האט געזאָגט צו מיין האר, זיץ צו מיין רעכטער האנד, ביז איך וועל מאכען דיינע שונאים דיין פוסבענקעל? אויב דוד רופט איהם ה א ר , ווי אזוי קען ער זיין זיין זוהן? און קיינער האט איהם ניט געקענט ענטפערען א וואָרט, און זייט יענעם טאָג האט איהם קיינער מעהר ניט געוואגט פרעגען שאלות.“ מתי 41:22-46.

מיר זעהן פון דיעזע צוויי פסוקים פון תנ"ך אז די אלגעמיינע מיינונג צו יענער צייט איז געוועזען אז גאָט האט געהאט א שתוף, א חבר, וועמען ער האט באטראכט אלס זיין פאסטוך, זיין גלייכען, א, כהן צו זיין רעכטער האנד, וועלכער האט מיט איהם געטיילט דעם טהראָן. און דאס איז דער משיח.

און אויסער דעם וואס איז שוין געזאָגט געוואָרען, זעהט מען פון די פאלגענדע פסוקים, איינער פון תנ"ך, דער צווייטער פון נייעם טעסטאמענט, אזביידע זיינען פאלקאמען איינשטימיג:

„פון פארצייטענס האסטו געלעגט די גרונטען פון דער ערד; און די הימלען זיינען די ווערק פון דיינע הענד. זיי וועלען פארלוירען געהן, אָבער דו וועסט פארבלייבען; יאָ, אלע וועלען זיי פארפוילט ווערען ווי א קלייד; און ווי א מלבוש וועסטו זיי ענדערען, און זיי וועלען געענדערט ווערען; אָבער דו ביסט דערזעלביגער, און דיינע יאָהרען וועלען קיין ענד ניט האָבען.“ תהלים 25:102-27. „דיין טהראָן, אָ גאָט, איז אויף אייביג און אייביג; די רוט פון דיין קעניגרייך איז א רוט פון גערעכטיגקייט. דו האסט ליעב גערעכטיגקייט, און פיינט שלעכטס; דאריבער האט גאָט, דיין גאָט, דיך געזאלבט מיט'ן אייל פון פרייד, מעהר איידער דיינע חברים.“ תהלים 6:45.

„אָבער צום ז ו ה ן זאָגט ער, דיין טהראָן, אָ גאָט, איז אויף אייביג און אייביג; אַ רוט פון גערעכטיגקייט איז די רוט פון דיין קעניגרייך. דו האָסט געליעבט גערעכטיגקייט און געהאַסט שלעכטס; דאַריבער האָט גאָט, דיין גאָט, דיך געזאַלבט מיט'ן אייל פון פרייד מעהר איידער דיינע חברים. און דו, גאָט, האָסט צום אָנהויב געלעגט די גרונטען פון דער ערד; און די הימלען זיינען די ווערק פון דיינע הענד. זיי וועלען פאַרגעהן, אָבער דו פאַרבלייבסט; און זיי אַלע וועלען ווי אַ מלבוש אַלט ווערען; און ווי אַ קלייד וועסטו זיי צוזאַמענלעגען, און זיי וועלען געענדערט ווערען; אָבער דו ביסט דערזעלביגער, און דיינע יאָהרען וועלען ניט אויפהערען." העברעער 1:8-12.

פון דיעזע צוויי פסוקים זעהט מען קלאָר און באַשטימט די געטליכע פאַרבינדונג וועלכע עקזיסטירט צווישען דעם גאָט פון אַלטען און דעם משיח פון נייעם טעסטאַמענט. אין דעם תנ"ך ווערט דער משיח פון נייעם טעסטאַמענט, דער זוהן פון גאָט, אָנגערופען האר און גאָט. וואָלטען די פיהרער פון ישראל שטענדיג געגלויבט וואָס דער תנ"ך זאָגט וואָלט ניט געקומען צו אַ מיספאַרשטענדניש וועגען דעם גאָט פון אַלטען און דעם געטליכען זוהן פון נייעם טעסטאַמענט. שוין פון בראשית אָן האָט גאָט קלאָר געמאַכט די אמת'ע נאַטור פון דער געטליכקייט.

אין ערשטען קאַפּיטעל בראשית ווערט דאָס וואָרט גאָט דערמאָנט אַזוי פיעל מאָל ווי עס זיינען דאָרט פאַראַן פסוקים. און יעדעס מאָל, אָהן אויסנאַמע, ווערט דאָס וואָרט „אלהים" געברויכט צו באַדייטען גאָט. אָבער דאָס וואָרט „אלהים" איז לשון רבים, עס באַדייט מעהר ווי איינס, עס איז אַן אויסדרוק פון פיעלפאַכקייט. עס זיינען פאַראַן פֿיעלע העברעאישע נעמען פאַר גאָט, סיי אין איינצעלנער פאָרם, סיי אין לשון רבים; אָבער דאָס וואָרט „אלהים," ווערט מיט ווענינע אויסנאַמע, אַנערקענט אַלס פאָרם פון לשון רבים. די רבינישע למדנים האָבען דאָס גוט פאַרשטאַנען.

ווען דאָס תנ"ך איז איבערזעצט געוואָרען פון העברעאיש אויף ענגליש, האָט דער איבערזעצער זיך געטראָפען מיט דער האַרבער קשיא אין איבערזעצען בראשית 1:26. צוליב דער רבינישער אויסטייטשונג פון דער איינציגקייט פון גאָט, האָט זיך דער גרויסער רבי געפונען אין אַ פאַרלעגענהייט. צוליב דעם אַלטען פאָראורטייל קעגען ישוע אַלס גאָט'ס זוהן, האָבען געלעהרטע געהאַט אַ שווערע פּראָבלעם ביים איבערזעצען דיעזען און עהנליכע פסוקים לויט דער טראַדיציאָנאַלער אידישער אויסטייטשונג. דאַריבער האָט דער איבערזעצער געמאַכט די פאָלגענדע אָנמערקונג צו דיעזען פסוק:

„דיעזע פראַזע (ד. ה. בראשית 1:26) ווערט געברויכט דאָ און אין אַנדערע ערטער, אויסצודריקען דעם ווילען פון דעם באַשאַפער. דיעזע פאָרם ווערט אָנגערופען לשון רבים פון אַ מאַיעסטעטישע פערזאָן." זעה „לעסער'ס איבערזעצונג פון תנ'ך," איינלייטונג. ציטירט אין „פּראַקטישע לעקציאָנען פון דער ערפאַהרונג פון ישראל," דריטע אויסגאַבע, ז. 330.

דער שרייבער פון דיעזע ציילען האט געהאט די געלעגענהייט, ווען ער איז געווען אין לאנדאן, צו באזוכען א באוואוסטען העברעאישען לעהרער, וועלכער איז געווען אנערקענט פאר זיין למדנות און פרומקייט. אין א געשפרעך מיט דיעזען מאן וועגען דער באדייטונג פון דעם ווארט „אלהים," האט מען דעם אלטען העבראאיסט געפרעגט וואס די אידישע גאונים טהון מיט דיעזען ווארט „אלהים" וואס ווערט אזוי אפט געברויכט אין ערשטען קאפיטעל בראשית, און איז אלגעמיין באקאנט אלס א לשון רבים פארם.

דער לעהרער האט געענטפערט אז עס איז געווען א מנהג אין ביבלישע צייטען צו רעדען וועגען א קעניג און זיין קעניגרייך אלס איינס. דאריבער זיינען אלע דאקומענטען, און דעקרעטען, געמאכט געווארען אין א לשון רבים פארם. „מיר און „אונס" זיינען געווען פאפולערע ווערטער.

דאן האט דער שרייבער דערמאנט די כתובים פון עזרא און נחמיה. דארט געפינט מען דעקרעטען לטובות אידען געמאכט פון עטליכע פערזישע מלכים. דאס זיינען געווען קעניגליכע דעקרעטען, לויט אלע פארמאליטעטען, גע'חתמ'עט און פארזיגעלט לויט דעם געזעץ און מנהג. אבער אין קיינע פון דיעזע דאקומענטען האט דער קעניג ניט געברויכט די פארם פון לשון רבים. דער מאנדאט איז אלעמאל „איך, דריוש, אדער איך, כורש," אדער „איך, ארתחששתא." דער אלטער לעהרער האט געענטפערט אז דאס זיינען אויסנאמען צום רעגעל. מע זעהט דערפון אז דער רעגעל האלט ניט.

אלס מיר שטודירען דעם תנ"ך געפינען מיר אז די גאטהייט באשטעהט פון מעהר ווי איין פערזאן. חוץ דעם דערמאנטען פסוק אין בראשית פון וועלכען מע זעהט אז די באשאפונג איז געווען א שותפות'דיגע, ערפאהרען מיר אויך אז נאך דעם ווי זינד איז אנטשטאנען און דער פלאן פון ערלעזונג איז באקאנט געווארען, ווערט ווידער דערמאנט אז די געטליכקייט איז א מעהרהייט. עס שטעהט געשריבען:

„און יהוה א ל ה י ם האט געזאגט, זעה דער מענש איז געווארען אזוי ווי איינער פון אונס, צו דערקענען גוטס און שלעכטס; און יעצט וועט ער פיליייכט אויסשטרעקען זיין האנד און וועט אויך נעהמען פון דעם עץ החים, און עסען, און וועט לעבען אייביג. דאריבער האט איהם יהוה אלהים ארויסגעשיקט פון דעם גן עדן, צו באארבייטען די ערד פון וואנען ער איז גענומען געווארען." בראשית 23,22:3.

ווען צו ישראל איז געגעבען געווארען די געטליכע, הייליגע, אומפארענדערליכע תורה, טרעפען מיר דאס ווארט „אלהים" ווידערהאלט פיעל מאל. דער ערשטער געבאט לויטעט, „דו זאלסט ניט האבען קיינע אנדערע געטער (אלהים") פאר מיין אנגעזיכט," „לא־יהיה לך אלהים אחרים על פני." די באדייטונג פון דעם העבראאישען ווארט „על־פני" ווערט קלארער פון א געשפרעך צווישען משה און גאט, נאך דעם ווי ישראל האט זיך געבוקט צום גאלדענעם קאלב. משה האט זיך געבעטען ביי גאט אין דער פאלגענדער שפראך:

„אויב איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגען, צייג מיר איצט דיין וועג, אום אז איך זאָל דיך קענען, און זאָל געפינען חן אין דיינע אויגען; און זעה דיעזעס פאָלק איז דאָך דיין נאציאָן." שמות 13:33.

און גאָט האָט געענטפערט: „מיין אָנגעזיכט (פּני) וועט מיט דיר געהן, און איך וועל דיר געבען רוה." שמות 14:33. כדי צו באגרייפען די באַדייטונג פון דעם אויסדרוק „פּני," „מיין אָנגעזיכט," לעזט דיעזע ווערטער:

„גאָט וועלכער האָט אין פארשיידענע צייטען, און אויף אַלערליי אופנים פאַרצייטענס גערעדט צו אונזערע אבות דורך די נביאים, האָט אין דיזע לעצטע צייטען גערעדט צו אונס דורך זיין זוהן, וועלכען ער האָט באַשטימט אַלס יורש איבער אַלע זאכען, דורך וועלכען ער האָט אויך די וועלטען געמאַכט. וועלכער איז די פּראַכט פון זיין עהרליכקייט, און די אויסדריקליכע געשטאַלט פון זיין פּערזאָן, און דערהאַלט אַלע זאַכען דורך זיין מעכטיגען וואָרט, און ווען ער האָט דורך זיך זעלבסט אונזערע זינד אויסגעלייטערט, האָט ער זיך געזעצט צו דער רעכטער האנד פון גאָט אין דער הויכקייט." העברעער 1:1-3.

דער ערשטער געבאָט, „לא־יהיה לך אלהים אחרים על־פּני," ווערט אויך פיעל באַדייטענדער ווען באַטראַכט אין דער ליכט פון דיזע ווערטער:

„דורך אמונה האָט משה, ווען ער איז צו יאָהרען געקומען, זיך ענטזאָגט פון גערופען ווערען פרעה'ס טאָכטער'ס זוהן,...ווייל ער האָט אָפּגעשאַצט די חרפּה פון משיח אַלס גרעסערע עשירות איידער די אוצרות פון מצרים...ווייל ער איז פאַרבליבען געטריי דערמיט וואס ער האָט געזעהן איהם וועלכער איז אומזיכטבאַר." העברעער 23:11-27.

גאָט האָט געוואָלט אז קיינער זאָל ניט האָבען קיין אַנדער גאָט אויסער אלהים; אז קיינער זאָל ניט האָבען קיין אַנדער גאָט פאר „זיין אָנגעזיכט." צו ישראל איז געגעבען געוואָרען די הייליגע תורה, צו זיי איז אַנטפּלעקט געוואָרען די וואהרהייט וועגען ריכטיגען גאָט. צו ישראל איז געגעבען געוואָרען די הייליגע ירושה, דער אוצר פון וויסען וואָס די גאָטהייט איז. צו זיי איז אָנגעטרויעט געוואָרען די טייערע וויסענשאַפט פון דעם איינציגען גאָט. און דיעזע וויסענשאַפט האָט אַנטפּלעקט דעם פאָטער און דעם זוהן פון דער גאָטהייט. דאָס איז צו די אידען ווידערהאָלט געוואָרען, ווי דער איד, שואל, זאָגט, „אין פאַרשיידענע צייטען און אויף אַלערליי אופנים." משה האָט צו זיי געזאָגט:

„שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד." דברים 4:6.

עס זיינען פאַראַן מעהרערע ווערטער אין העברעאיש וואָס באַדייטען אויף ענגליש „איינער." אָבער דאָס ווערט „אחד," „איינער" איז זעהר אַ אינ־טערעסאַנט וואָרט. למשל: אין בראשית 5:1, לעצטער טייל, לעזען מיר, „ויהי־ערב ויהי־בקר יום אחד." דאָס הייסט, „און עס איז געוועזען אָוועַנט, און עס איז געוועזען אַ פריהמאָרגען,—א יי ן ט אָ ג." דאָס הייסט אז צוויי —ערב ובקר—זיינען איינס, אחד. א ח ד באַדייט דאָ אַ צוויי־איינינגקייט.

ווען גאָט האָט באַשאַפען אדם און חוה און האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט אַלס מאַן און פרוי, לעזען מיר, „דאַריבער זאָל אַ מאַן פאַרלאָזען זיין פאָטער און מוטער, און זאָל זיך באַהעפטען אָן זיין פרוי, און זיי זאָלען זיין ל ב ש ר א ח ד — א יי ן קערפּער.“ בראשית 24:2. ווידער אַלזאָ ווערט דאָס וואָרט א ח ד געברויכט צו באַדייטען אַ צוויי־איינינקייט, און ניט אינ־דיווידואַליטעט, איין־איינציגקייט.

אָבער ווען גאָט האָט געהייסען אברהם'ן צו אָפּפערען זיין זוהן יצחק אויף'ן באַרג מריה, זאָגט זיך:

„נעהם יעצט דיין זוהן, דיין א יי נ צ י ג ע ן (יחידך), וועמען דו ליעבסט.“ בראשית 2:22.

„דאָס וואָרט „יחיד“ האָט ניט די זעלבע באַדייטונג ווי „אחד,“ ווייל „יחיד“ באַדייט „איין איינציגער.“ אַן איין און איינציגער זוהן הייסט אויף העברעאיש „בן יחיד.“ אָבער דאָס וואָרט „אחד“ ווי מיר האָבען שוין געזעהן מעג באַדייטען מעהר ווי איינס.

ערקלעהרענדיג די אידען אַז ער איז דער אמת'ער פּאַסטוך, האָט ישוע דערמיט געזוכט פאַר זיי קלאָר צו מאַכען זיין מיסיע. צום קלימאַקס פון זיין רעדע, האָט ער געזאָגט:

„אני ואהב א ח ד.“ „איך און דער פאָטער זיינען איינס (א ח ד).“ יוחנן 30:10.

פון זיינע פריהערדיגע רייד זאָלען די אידען שוין האָבען פאַרשטאַנען אַז ער איז דער „צמח,“ דער געטליכער צווייג (ירמיהו 6,5:23) דער „פּאַסטוך“ וואָס איז אָנגעריפען געוואָרען (זכריה 7:13), דער מאַן וואָס איז גלייך צו גאָט (זכריה 7:13). ישוע האָט דורך אַלע דיעזע אויסדריקע געוואָלט קלאָר מאַכען צום אידישען פאָלק אַז ער און גאָט זיינען געווען „אחד,“ דער איינציגער גאָט.

שוין זייט דער באַשאַפונג איז דיעזע וועלט אונזערע איבערגעגעבען גע־וואָרען צום משיח, דעם געטליכען זוהן, אַז ער זאָל זיין דער פאַרוואַלטער דערפון. ער איז געווען אַ שותף צום פאָטער ווען אַלץ איז באַשאַפען געוואָרען. משלי 4:30. דער אידישער אַפּאָסטעל פּאול מאַכט קלאָר דיעזע פאַרבינדונג צווישען יהוה פון אַלטען און דעם משיח פון נייעם טעסטאַמענט אין דיעזע ווערטער:

„אָבער פאַר אונס איז פאַראַן נאָר א יי ן גאָט, דער פאָטער, פ ו ן וו ע מ ע ן זיינען אַלע זאַכן, און מיר אין איהם; און א יי ן ה א ר ישוע המשיח ד ו ר ך וו ע מ ע ן זיינען אַלע זאַכען, און מיר דורך איהם.“ 1 קאָרינטער 6:8.

גאָט'ס זוהן איז געווען דער פאַרמיטלער צו ערפילען דעם ווילען פון גאָט. וועהרענט אַלע דורות איז ער געווען גלייך צו גאָט. אין איהם איז קערפּערליך אַנטפּלעקט די פאָלקאָמענע געטליכקייט. צו איהם איז געגעבען געוואָרען אַלע

מאכט, הערשאפט און אויטאריטעט. פון אייביג און אייביג איז ער געוועזן א טייל פון דער געטליכקייט. זעה מיכא 2:5.

ווען דער רוח הקודש האט באוואויגען די נביאים צו שרייבען איז דאס געוועזן דער גייסט פון משיח. זעה 1 פעטרוס 11,10:1. ישוע איז דער אנהויב פון דער באשאפונג. דיעזע הייליגע מענשען האבען גערעדט וועגען א י ה ם, געשריבען וועגען א י ה ם, און זיינען געוועזן באאיינלפוסט פון א י ה ם. ער איז דער „אהיה“ פון מדבר, דער אויסלעזער פון ישראל. איבער זייער אומ־געהארזאמקייט און אפטריניגקייט האבען אברהם׳ס קינדער פארלוירן פון אויג דעם זוהן פון גאט. אירדישע תאוות האבען פארבלענדעט די אויגען פון׳ם אויסגעקליבענעם פאלק. ווי עס זאגט ווייטער דער אידישער פאול:

„דער גאט פון דיעזער וועלט האט פארבלענדעט די מחות פון די אומ־גלויבענדע, כדי אז די ליכט פון דער הערליכער בשורה טובה פון משיח, וועלכער איז די געשטאלט פון גאט, זאל צו זיי ניט לייכטען.“ 2 קארינטער 4:4.

דער וועלכער האט דעם מענשען באשאפען האט אויך געאפפערט זיין לעבען איהם צו ערלעזען. ער איז געוועזן מיט׳ן מענשליכען געשלעכט פון סאמע אנהויב, און איז פאר זיי דערגאנגען ביז צום ביטערען סוף. דערפאר וואס מענשען האבען אויפגעהערט צו קענען גאט ווי ער איז אין דער ווירק־ליכקייט, איז ישוע, דער זוהן פון לעבעדיגען גאט ערשינען אויף אונזער וועלט, און האט פארבארגען זיינע געטליכע פראכט אונטער דעם שלייער פון מענש־ליכער געשטאלט. גאט איז געווארען מענש . ער האט געזוכט אויף אלע אופנים צו געבען מענשען לעבען און גליקליכקייט. כדי די מענשהייט זאל בא־גרייפען די טיפקייט פון זעלבסט־אפפערישער ליעבע האט דער גאט פון תנ״ך מקריב געוועזן די פרייד, דעם גענוס, און דאס גליק פון זייער אייניגקייט, און ערלויבט אז זיין זוהן, דער שותף און מיט־באשאפער, זאל באווייזען אין דער פארם פון א מענשען די אייביגע ליעבע און די אומגעהייערע זעבסט־אפפע־רישקייט פאר די פארלוירענע, כדי אז די הימעל און ערד זאלען וועהרענט די איי־ביגע דורות באגרייפען די גוטקייט, די גנאד און די פאלקאמענע ליעבע פון גאט.

„בלא ספק גרוים איז די געהיימנים פון גאטספארכטיגקייט: גאט איז אנט־פלעקט געווארען אין קערפער, איז פון דעם רוח הקודש גערעכטפערטיגט געווארען, מלאכים האבען איהם געזעהן, מען האט איהם געפרעדיגט צו די גוים, פיעלע האבען אין איהם אין דער וועלט געגלויבט, און ער איז צוריק צום כסא הכבוד ארויף.“ 1 טימוטיוס 16:3.

קאפיטעל 8

די צייט פון דער ענדע

די ביבעל איז ארדענטליך, הארמאניש, אוניווערסאל. איהר תורה איז קאנזעקווענט און איבערצייגענד. איהר אוטאר, וועלכער ווייסט די ענדע פון אנהויב, האט באשטימט אז די לעהרעס פון דער ביבעל זאלען פאלקאם הארמאניזירען מיט די ווערק פון דער נאטור.

די זון געהט אויף און זעצט זיך אין צייט. די זמנים זיינען רעגעלמעסיג, גלייכצייטיג, און פינקטליך. אין דער געטליכער טעטיגקייט איז ניטא קיין מיש־מאש. אלץ וואס גאט טהוט איז פאלקאמען.

„די „באסטאן פאסט“ פון דעצ. 15, 1924, אין א באריכט וועגען א לעקציע וואס פראפעסאר הארלאו שייפלי, רעקטאר פון דער הארווארד אבסערוואטאריע, קיימברידזש, מאסס., האט געהאלטען פאר א גרויסען פובליקום, זאגט צווישען אנדערעס:

„צווישען די פיעלע אינטערעסאנטע אסטראנאמישע פאקטען וועלכע פראפעסאר הארלאו שייפלי האט נעכטען איבערגעגעבען... איז געווען די באהויפטונג אז דער טאג ווערט מיט א טויזענטעל סעקונדע לענגער איטליכע הונדערט יאהר.“

לויט דעם ביבלישען באריכט פון דער באשאפונג דארף מען ניט מורא האבען אז די זון זאל ווערען הינטערשטעליג. אונזער פלאנעטע האט נאך 94,000 יאהר צו „געהן“ איהר הימעלס־קרייז, איידער זי קען געווינען בלויז איין סעקונדע. און זעכציג אזעלכע סעקונדעס זיינען נויטיג צו מאכען איין מינוט.

די פראפעצייאונגען פון די געטליכע נביאים ווערען ערפילט מיט דערזעלבער פינקטליכקייט וועלכע מיר מערקען אין דער נאטור. איידער דער מבול איז געקומען, האט גאט מיטגעטיילט נח'ן אז א הונדערט און צוואנציג יאהר צייט וועט ער מוזען ווארענען דער וועלט. ווען די צייט איז פארביי, האט דער מבול אויסגעבראכען און פארניכטעט די גאנצע באפעלקערונג, חוץ נח'ן און זיין פאמיליע. איידער אברהם איז געשטארבען, האט איהם גאט געזאגט אז זיינע קינדער וועלען זיין שקלאפען אין מצרים פיער הונדערט יאהר. ווען די צייט פון זייער באפרייאונג איז געקומען, איז משה געשיקט געווארען צו פרעה'ן מיט דער אויפפאדערונג אז ער זאל פארלאזען די בני ישראל. ענד־

ליך זיינען זיי באפרייט געוואָרען, און מיר לעזען אז „די פּאַרוויילונג פון די בני ישראל וועלכע האָבען געוואוינט אין מצרים, האָט געדויערט פיער הונדערט און דרייסיג יאָהר, און... צום סוף פון פיער הונדערט און דרייסיג יאָהר, טאַקע ד ע מ ז ע ל ב ע ן טאָג איז עס פאָרגעקומען אז אלע הערשאַרען פון גאָט זיינען ארויס פון לאנד מצרים." שמות 12:40-41.

„פאר אלץ איז פאַראַן א צייט, און א צייט פאר איטליכען צוועק אונטער'ן הימעל." קהלת 1:3.

כאָטש דניאל האָט פאָראויסגעזאָגט אז דער משיח האָלט ביים קומען, זיינען דאָך פאָרבייגעגאַנגען זיבעציג שמיטות, אָדער 490 יאָהר איידער דיעזע גרויסע געשעהניש איז פאָרגעקומען. פינף יאָהרהונדערטע זיינען געקומען און זיינען אוועק זייט דער נביא האָט בנבואות געזעהן די זאלבונג פון „משיח־נגיד." זעה דניאל 9:24-27. ווען ער איז געקומען דורכצופיהרען זיין גאָט־געגעבענעם ווערק, שטעהט געשריבען אז ער איז געקומען קיין גליל, „זאָגענדיג, די צ י י ט א י ז ע ר פ י ל ט, און דאָס מלכות השמים איז נאָהענט." מארקוס 15,14:1. ער האָט אָנגעהויבען זיי ווערק אלס דער משיח פונקט צו דער צייט.

לויט דערזעלביגער נביאות, זאל דער משיח „אָפּגעשניטען ווערען" אין מיטען דער לעצטער שמיטה, דאָס הייסט נאָך דריי און א האלב יאָהר פון זיין טעטיגקייט אלס דער משיח. און ווען די דריי און א האלב יאָהר זיינען פאַריבער, טריי צו דער פּראָפעצייאונג, איז דער משיח „אָפּגעשניטען" געוואָרען. ער איז צוגענאָגעלט געוואָרען צום גרויזאַמען קרייץ אלס אונזערער „קרבן־חטאת, אונזער זינד־אָפּפער, ווייל „גאָט האָט אויף איהם ארויפגעלעגט אלע אונזערע זינד." ישעיה 6:53.

און ער איז געשטאָרבען, דער גאָט־מענש. זיין טויט האָט דעם מענשען איבערגעבעטען מיט גאָט; עס האָט אויף'ם ניי פאַרבונדען הימעל מיט ערד. און זיין לעצטער אויסדרוק, אלס זיין הייליגעם לעבען האָט געהאַלטען ביים אויסוועפּען, איז געווען: „ע ס א י ז פ א ר ע נ ד י ג ט." ער האָט זיין ווערק אָנגעהויבען אין צייט, און פאַרענדיגט אין צייט.

איבעראל און אומעטום אונטערשטרייכען די הייליגע שריפטען אז דער געטליכער פּראָגראַם ווערט אויסגעפיהרט אָהן דיסאָנאַנס אָדער מיש־מאַש. איינער פון די וויכטיגסטע פּראָפעטישע ביכער פון דער ביבעל, א בוך וועלכער איז אלעמאל פיעל געשטודירט געוואָרען, אָבער וועלכער איז באַזונדערס פיעל געשטודירט געוואָרען פון פּראָמינענטע ביבעל־למדנים, איז דער בוך דניאל. דיעזער בוך באַצויבערט יעדען ליעבהאָבער פון געטליכען וואָרט, און עס איז טאַקע א קוואל פון באַגייסטערונג, פרייד און דערקוויקונג צו שטודירען און פאָרשען די שריפטען פון דיעזען נביא.

איין אויסדרוק איז פאַראַן אין די שריפטען פון דיעזען שטאַאַטסמאַן־פּראָפעט וואָס ווערט דערמאָנט פינף מאָל,—„די צ י י ט פ ו ן ד ע ר ע נ ד ע,"

„עת קץ,“——אין דניאל 8:17; 11:35,40; 12:4,9. דיעזער אויסדרוק איז ניט אויסגעטראַכט געוואָרען פון דניאל'ן גופא; עס איז אין זיין מויל אַריינגעגעבען געוואָרען פון מלאך גבריאל.

אין 8טען קאַפּיטעל פון דניאל איז פאַראַן אַ באַריכט פון אַ אינטערעסאַנטער זעהונג. נאָך דעם ווי די פּאַנאָראַמאַ איז פאָרבייגעגאַנגען, האָט דניאל נאַטירליך געוואָלט וויסען די באַדייטונג. ער האָט זיך אַלזאָ נאָכגעפרעגט ביים מלאך, און האָט געהערט פון הימעל די ווערטער, „גבריאל, לאָז דעם מאַן פאַרשטעהן די זעהונג.“ „איז ער (דער מלאך) צוגעקומען וואו איך בין געשטאַנען; און ווען ער איז צוגעקומען, האָב איך מורא געהאַט און בין געפאַלען אויף מיין געזיכט, אָבער ער האָט צו מיר געזאָגט, פאַרשטעה, אָ מענשען־קינד, ווייל אין דער צייט פון דער ענדע וועט זיין (וועט געשעהן) דיעזע זעהונג.“ דניאל 8:15-17.

אַז דיעזע „צייט פון דער ענדע“ וועט פאַרשטאַנען ווערען קען מען זעהן שוין פון די ווערטער פון דעם מלאך גופא צום נביא: „געה דיין וועג, דניאל, ווייל די ווערטער זיינען פאַרשלאָסען און פאַרזיגעלט ביז צו דער צייט פון דער ענדע. פיעלע וועלען געלייטערט און ווייס ווערען, און געפּרואווט ווערען; אָבער די רשעים וועלען רשעות טהון, און קיינער פון די רשעים וועט פאַרשטעהן; אָבער די קלוגע וועלען פאַרשטעהן. דניאל 12:9,10.

דיעזע באַהויפּטונג פון מלאך איז כמעט אַן אויפפאָדערונג. ער זאָגט באַשטימט אַז די קלוגע וועלען פאַרשטעהן. פאַרשטעהן וואָס? דאָס וואָס דאַרף געשעהן אין דער צייט פון דער ענדע. עס מוז אַלזאָ זיין אַזאַ באַשטימטער פּעריאָד אין דער וועלט־געשיכטע וואָס וועט זיין באַוואוסט אונטער'ן נאָמען „די צייט פון דער ענדע.“ ווען יענע שעה קומט וועלען די וועלכע זיינען קלוג אין געטליכע זאַכען פאַרשטעהן. גאָט וועט דאָך ניט שיקען אַ מלאך פון הימעל מיט אַ שליחות סיידען זי איז פאַרשטענדליך.

אַלזאָ וואו איז דער אויסגאַנגס־פּונקט? אויב מיר וואָלטען נאָר קענען אויסגעפינען און באַשטימען דעם אָנהויב פון דיעזער צייט, וואָלט די באַדייטונג פון דער פראַזע שוין במילא קלאָר געוואָרען. זאָל דער לעזער געדענקען אַז דער מלאך האָט ניט געזאָגט „די ענדע פון צייט,“ נאָר „די צייט פון דער ענדע.“ ער האָט געזוכט דעם נביא געבען צו פאַרשטעהן אַז פאַר דעם סוף פון דער וועלט וועט זיין אַ שטיקעל פּעריאָד וואָס וועט הייסען „די צייט פון דער ענדע.“

נאָך אַ לענגערער זעהונג פון דניאל וועלכע ווערט באַריכט אין קאַפּיטלאַך 11 און 12 פון דניאל, האָט דער מלאך גבריאל צו איהם געזאָגט: „אָבער דו, אָ דניאל, פאַרשליס דיעזע ווערטער, און פאַרזיגעל דעם בוך, ביז צו דער צייט פון דער ענדע.“ פיעלע וועלען לויפען הין און הער, און די וויסענשאַפט וועט געמעהרט ווערען.“ דניאל 12:4.

אויף דער ערנסטער נאָכפראַגע פון נביא צי דיעזע זעהונג וועט פאַרשטאַנען ווערען אין זיין צייט, האָט דער מלאך געענטפערט, „די ווערטער זיינען

פארשלאָסען און פאַרזיגעלט ביז צו דער צייט פון דער ענדע.״ פסוק 9.

אָבער דיעזע פאַרזיכערונג האָט דניאל יאָ געקראַנגען: אז עס וועט קומען די שעה ווען דער בוך וועט אויפגעזיגעלט ווערען, און די ווערטער פון דעם מלאך װעלען דאַן ווידער ערפילט ווערען. דאָס וועט אָבער געשעהן ערשט אין דער „צייט פון דער ענדע.״ אָבער ווען איז אָט די צייט? איז עס שוין געווען אין דניאל׳ס צייט אָדער דאַרף עס ערשט קומען? איין זאַך איז זיכער: אז די „צייט פון דער ענדע״ איז ניט געקומען אין דניאל׳ס טעג, ווייל דער מלאך האָט איהם געזאָגט, „געה דיין וועג ביז׳ן סוף, ווייל דו וועסט רוהען, און שטעהן אין דיין גורל ביז די לעצטע טעג.״ דניאל 13,6:12.

פון דיעזען אויסדרוק פון דעם מלאך האָט דניאל פאַרשטאַנען אז ער וועט שטאַרבען. זיין טעטיגקייט וועט אויפהערען איידער אַלע דיעזע זאַכען וועלען געשעהן. אָבער דער מלאך האָט ניט דערלאָזען דעם אַלטען נביא צו בלייבען אומוויסענד וועגען דיעזער „צייט פון דער ענדע.״ ער לאָזט איהם וויסען אז יענע צייט וועט זיין ווען „פיעלע וועלען לויפען הין און הער, און די וויסענ־שאַפט וועט געמעהרט ווערען.״ דניאל 4:12.

מיר האָבען שוין ערפאַהרען אין קאַפּיטעל 4 אז די „פינסטערע צייטען״ זיינען געווען צייטען פון אָפּגעשטאַנענקייט. איבער אַ טויזענט יאָהר האָט ווי קיין ליכט ניט אריינגעשיינט אויף דער וועלט. דאָס ליכטעל פון וויסענשאַפט און פּראָגרעס איז געבליבען אויסגעלאָשען צעהן יאָהרהונדערטע. די ביבעל איז געווען ווי איינגעהילט אין טרויער, און די מילך פון געטליכען וואָרט איז פאַרדאָרבען געוואָרען דורך די אומריינע מענשליכע טראַדיציעס.

מיר האָבען אויך ערפאַהרען אז דיעזער פעריאָד פון פּויפּסטליכער הער־שאַפט האָט זיך אָנגעהויבען אין 538 נ. ק. און האָט זיך געענדיגט אין 1798 נ. קר.. זעה קאַפּיטעל 4, ז. 37. גלייך ווי דיעזער פעריאָד האָט זיך געשלאָסען, האָבען אויסגעוואַקסען ביבעל־געזעלשאַפטען, וויסענשאַפט און קונסט האָבען אָנגעהויבען בליהען, לענדער וועלכע זיינען געווען געשלאָסען צו פּראָגרעס און ציוויליזאַציע האָבען זיך געעפענט, דער פאַרקעהר דורך לאַנד און וואַסער האָט אויפגעבליהט. גראַד צוויי און צוואַנציג יאָהר זיינען אריבער זייט די „דעקלאַ־ריישאָן אָוו אינדעפּענדענס״ פון די פאַראייניגטע שטאַטען איז אונטערגע־שריבען געוואָרען. אַ נייע נאַציאָן איז געבוירען געוואָרען. דיעזע גרויסע מדינה האָט נאָר וואָס אויפגעשפּראָצט, ——יונג, שטאַרק, ענעריגיש, האָפּ־ענונגספול, פּראָגרעסיוו. אַ נייע לעבען האָט ארומגענומען די וועלט. כאָטש די ערד איז געווען איינגעשלאָפען פיעלע יאָהרהונדערטע, איז געקומען די ער־וואַכונג; פעלקער און נאַציאָנען וועלכע זיינען זיך געווען פרעמד זיינען באַ־פריינדעט געוואָרען.

מען האָט אָנגעהויבען שטודירען די נבואות. מענשען האָבען גענומען אונטערזוכען די ביכער פון „דניאל״ און „די אַנטפּלעקונג״ (דער לעצטער בוך פון נייעם טעסטאַמענט) מיט גרויסער התמדה. פיעלע ביכער איבער די

נבואות זיינען געשריבען געוואָרען, פיעל אינפאָרמאַציע איז פאַרשפּרייט גע־וואָרען, און אַ טיפע שטרעבונג האָט באַוואוּיגען די מענשליכע מוחות צו ווי־סען, צו פאַרשטעהן, צו פאַרנעהמען די פּראָפּעטישע לעהרעס. און אַזוי שטודירענדיג זיינען פיעלע געלערענטע מענער געקומען צום איינשטימיגען באַשלוס אַז „די צייט פון דער ענדע" האָט זיך אָנגעפאַנגען ווען עס האָט זיך געענדיגט דער פּעריאָד פון 1260 יאָהר, ווי ער איז באַשריבען געוואָרען אין 4טען קאַפּיטעל. דאָרט האָבען מיר ערפאַהרען אַז דיזער פּעריאָד האָט זיך געענדיגט אין 1798 ווען דער פּויפּסט איז אַרעסטריט געוואָרען פון נאַפּאָלע־אָנ'ס גענעראַל בערטיע, און זייט דאַן האָט די קאַטוילישע קירך אָנגעוואוירען איהר מאַכט צו פאַרפאָלגען, און דערמיט האָט זיך געענדיגט די שרעקליכע „פינסטערע צייט" פון מיטעלאַלטערטום.

די פאָלגענדע שורות באַלייכטען די ווערטער פון מלאך, „פיעלע ווערען לויפען הין און הער, און די וויסענשאַפט וועט געמעהרט ווערען:" „צי דאָס לויפען הין און הער מיינט אַז מענשען וועלען פיעל רייזען פון אָרט צו אָרט, און אַז עס וועט געמאַכט ווערען גרויסער פאָרשריט אין פאַרקעהר דיעזען יאָהר־הונדערט, צי עס מיינט, ווי אייניגע דענקען, דאָס זוכען דאָ און דאָרט אין די פּראָפּעטישע ביכער, דאָס, הייסט, אַן ערנסטער שטודיום פון דער ביבעל, אַזוי צי אַזוי זעהן מיר די ערפילונג פאַר אונזערע אויגען....

„דאָסזעלבע מכח דעם פאַרמעהרען פון וויסענשאַפט. עס מוז באַדייטען, ענטוועדער די פאַרמעהרונג פון וויסענשאַפט אין אַלגעמיין, די אַנטוויקלונג פון קונסט און וויסענשאַפטען, אָדער עס באַדייט די פאַרמעהרונג פון וויסען די זאַכען וועלכע ווערען אַנטפּלעקט אין די פּראָפּעטישע שריפטען פון דניאל, וועלכע זיינען געווען פאַרשלאָסען און פאַרזיגעלט ביז צו דער צייט פון דער ענדע. וועלכע פון די צוויי אויסטייטשונגען מע וויל אָננעהמען, זיינען זיי ביידע ערפילט היינט צו טאָג. באַטראַכט די וואונדערבאַרע אויפטוהונגען פון מענשליכען גייסט, און די מערקווירדיגע עררייכונגען פון מענשליכע הענד, וועלכע איבערשטייגען אפילו דעם מאַגיקער'ס ווילדעסטע פאַנטאַזיעס, און וועלכע זיינען פאָרגעקומען וועהרענט די לעצטע הונדערט יאָהר." „דניאל און די אַנטפּלעקונג," זייטען 378 און 379.

די ניו יאָרקער „טריביון פון מאַרץ 2, 1926, האָט ענהאַלטען אַ לייט־אַרטיקעל, טיטולירט „דער מענשליכער ערפינדערישער גייסט טעטיג פאַר די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר. „אַלע אַנדערע דורות איבערטראָפען אין צאָל און פאַרשיידענהייט פון נייע אָנווענדונגען."

„אין די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר, האָט דער מענש איבערטראָפען אַלע אַנדערע דורות סיי אין צאָל, סיי אין זאָרט פון זיינע אַנטדעקונגען און זייער פּראַקטישע אָנווענדונגען, זאָגט דער „פּאָפּיולער מעקעניקס."

אַ פיערטעל הונדערט יאָהר צוריק האָט קיינער ניט געוואוסט וועגן ראַדיאָ, סאָבמאַרינס, מלחמה־טענקס, מאַשין־ביקסען, עראָפּלאַנען, און דראַטלאָזע



COURTESY AMERICAN BIBLE SOCIETY

א יאַפּאַנעזער און אַמעריקאַנער „בראָדקעסטן" קאַפּ. 60 פון ישעיה
פון סטיישאָן „קיי פּי אָ" סאַן פראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע.

טעלעפאָנען אַלס אַרטיקלען פון כמעט טעגליכען געברויך. די וועלט האָט נאָך דאַן געצווייפעלט אין מאַרקאָני און אין דער גרופּעלע מענשען וועלכע האָבען געגלויבט אין ראַדיאָ, און מענשען וועלכע האָבען געמאַכט פּראָבעס מיט עראָפּלאַנען האָט מען באַטראַכט אַלס נאַרישע פאַנטאַזיאָרען. היינט, אָבער, הערט מען טעגליך דעם ברומען פון פּאָסט־עראָפּלאַנען וואו אַמאָל פלעגט לויפען דער „פּאָני עקספּרעס" (פערדישער קוריער), אַרמעען פון דער וועלט שטרייטען אין דער לופטען, און עס ווערט דער גרויסער פּוהר־וועג פאַר פריעדליכען רייזען און קאָמערץ.

„וויכטיגע אָנווענדונגען און ענדערונגען זיינען אויך געמאַכט געוואָרען אין אַלטע ערפינדונגען. דער שניטער, למשל, איז שוין באַקאַנט געווען א הונדערט יאָהר צוריק, אָבער ערשט אין די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָהר האָט מען איהם קאָמבינירט מיט דער דרעש־מאַשין. באַוועגליכע בילדער, דאָס איבערשיקען פאָטאָגראַפיעס דורך ראַדיאָ, דער געברויך פון ראַדיום און עקס־שטראַהלען, זיינען אויפטהונגען פון דיעזען יאָהרהונדערט."

ווערליג דעם ביבלישען באַריכט וועגען דער באַשאַפונג, האָט די וועלט כמעט זעקס טויזענט יאָהר געלעבט אויף'ן זעלבען שטייגער. ניט פיעלע צעהנדליגער יאָהרען זיינען אַריבער זייט דאָס שפּין־רעדעל איז געווען א נויטווענדיגקייט. אַלע פאַרמען אַרבייט זיינען געטהון געוואָרען מיט דער האַנד, אָדער מיט אַן איינפאַכען אינסטרומענט. אָבער וואָס פאַר א מעכטיגע רעוואָלוציע

איז געשעהן, למשל, אין דער דרוקעריי־אינדוסטריע! היינט זעהן מיר אַ קאָלאָ־סאַלע מאָדערנע פּרעס־מאַשין אויסוויקלען אומגעהייער־גרויסע פּאַפּירענע ראָלס, און דרוקען, קנייטשען, שניידען און פאַרענדיגען 55,000 צייטונגען פון 32 זייטען אין איין קורצער שעה.

מיט זעכציג יאָהר צוריק אויב אימיצער האָט איבערגעקרייזט דעם אַט־לאַנטישען ים אין זעקס וואָכען, האָט עס געהייסען אַ שנעלע, איינגענעהמע רייזע. היינט קען מען מאַכען אַ רייזע הין און צוריק קיין ענגלאַנד אָדער דייטשלאַנד אין צעהן טעג. ווען דער אייזענבאַהן איבער דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז פאַרענדיגט געוואָרען אין 1868, האָט עס געהייסען אַ גרויסע געשעהניש; עס איז געווען אַ גרויסער שריט פאָרווערטס איבער רייזען מיט אָקסען, עזלען, אָדער פערד. כאָטש עס האָט דאַמאָלס גענומען כמעט צוויי וואָכען צו פאָהרען אויף׳ן אייזענבאַהן פון איין עק אַמעריקע ביז׳ן צווייטען, איז דאָס אָבער געווען פיעל בעסער איידער פאַרברענגען זעקס אָדער ניין מאָנאַטען פאַר אַ רייזע פון שטאַאַט מעין ביז קאַליפאָרניע.



„היינט הערט מען טעגליך דעם ברומען פון פּאָסט־עראָפּלאַנען וואו אַמאָל פלעגט לויפען דער פּאָני עקספּרעס (פערדישער קוריער).“

היינט קען מען מאַכען די רייזע פון ניו יאָרק קיין קאַליפאָרניע אין קנאַפּע ניינציג שעה אויף׳ן אייזענבאַהן, און אין קנאַפּע פופציג שעה אין פּאַסאַזשיר־עראָפּלאַנען פאַר דעם צוועק. אַפילו דאָס איז אַביסעל לאַנגזאַם פאַר מאַנכע, איינער האָט דיעזע רייזע געמאַכט אין אַ אַכצעהן שעה. דאָך איז עס אַ מערקווירדיגע זאַך צו קענען פאָהרען דריי טעג נאָכאַנאַנד, און רייזען איבער דריי טויזענט מייל אויף אַן „אייזערנעם פערד.“

וואָלט נאָך אימיצער געקענט אין אַזוינע געצעהלטע ווערטער איבערגעבען אַ פּינקטליך פּראָפעטיש בילד פון אונזער צוואַנציגסטן יאָהר הונדערט ווי דער נביא האָט עס אויסגעדריקט אין דיעזער קורצער פראַזע: „אין דער צייט פון דער ענדע“ וועלען פיעלע „לויפען הין און הער, און די וויסענשאַפט וועט געמעהרט ווערען?“ אָבער וואָס איז די באַדייטונג פון דעם שטראָם פון ערפינ־

דערישער ליכט וועלכער האָט זיך פּלוצלינג אויסגעגאָסען אויף אונזער וועלט? וואָס איז דער צוועק פון דעם אומפאַרגלייכבאַרען פּראָגרעס פון אונזער צייט? ווארום האָט גאָט ערמוטיגט, באַגייסטערט, און באַוואויגען דעם מענשליכען גייסט דורוכצופיהרען אַזעלכע מערקווירדיגע אויפטוהונגען אין דיעזען איינעם קורצען דור?

דער ענטפער איז פאַראַן טאַקע אין דער זעלבער נבואות וועלכע מיר האָבען דאָ באַטראַכט אין דיעזען קאַפּיטעל. גאָט האָט צו דניאל'ן אַנטפּלעקט אַ שליחות פון אומגעהייערער וויכטיגקייט פאַר דעם דור וועלכער לעבט אין „דער צייט פון דער ענדע," דאָס הייסט, פאַר אונזער דור. אָבער דיעזע שליחות איז געווען „פאַרשלאָסען," „פאַרזיגעלט" ביז אונזער צייט. עס איז געווען באַהאַלטען, צוגעדעקט, און אומפאַרשטענדליך ב י ז צו דער „צייט פון דער ענדע," אָבער ווען דיעזע צייט פון דער ענדע איז געקומען, איז די שליחות אויפגעעפענט, אויפגעזיגעלט, און פאַרשטאַנען געוואָרען. ווי עפּעס אַן אומער־וואַרטעטער שטראַהל ליכט טהוט זי באַלייכטען די מענשהייט.

כדי צו אייזלען אַ שליחות צו דער גאַנצער מענשהייט; כדי צו פּראָ־קלאַמירען צו דער גאַנצער וועלט וועגען דער גרויסער געשעהניש וואָס מוז שנעל פּאַרקומען; כדי גרייט צו מאַכען די איינוואוינער פון אונזער ערד פאַר דעם שלום פון דעם גרויסען שטרייט צווישען טוב ורע, צווישען גערעכטיגקייט און זינד, צווישען געהאָרזאַמקייט און פאַרברעכען, האָט גאָט געלאָזען דעם שטראָם פון ליכט, וויסענשאַפט, און ערפינדערישען גייס אויסגעגאָסען ווע־רען אויף אונזער דור. אין גאָט'ס הענד זיינען דיעזע נייע אַנטדעקונגען די מיטלען וועלכע ער געברויכט אויף אַ געניאַלען אופן צו פּראָקלאַמירען זיי־נע שליחות בליץ־שנעל צו דער גאַנצער וועלט אין דיעזען דור. און מיר וועלען טאַקע דיעזע געטליכע שליחות באַטראַכטען אין די נעקסטע קאַפּיטלאַך.

עס איז אַ באַדייטענדע פּריוויליגיע צו לעבען אין אַזאַ צייט ווי אונזערע. קיין אַנדערער דור האָט ניט געהאַט די געלעגענהייט וועלכע מיר האָבען צו וויסען די סודות וועלכע זיינען געווען פאַרבאָרגען דורות לאַנג, און צו באַגריי־פען די חכמה פון געטליכקייט. אַלס דער בוך וואָס איז געווען פאַרזיגעלט טויזענטער יאָהרען ווערט אויפגעעפענט פאַר אונזער פאַרשטאַנד, זאָלען מיר ניט גאָט דאַנקען פאַר דער טייערער ליכט וועלכע ער לאָזט שיינען אויף אונזער מיעדען וועג? אַלס די געטליכע נבואות ווערען אויפגעזיגעלט, וועלען מיר באַ־גרייפען זייער אומגעהייערע באַדייטונג פאַר היינט און דער אייביגקייט?

קאפיטעל 9

וואס האט פאסירט אום יום כיפור פון דעם יאהר 1844?

די יומים נוראים, די אידישע יומים טובים וועלכע פאלן אויס אום הערבסט פון יאהר, זיינען באמת העכסט הייליג און געעהרט. טויזענטער יאהרען זיינען די יומים טובים פון יום תרועה, אדער רעש השנה, און יום כיפור, געווען באַטראכט פון אברהמ׳ס קינדער אלס א צייט פון תשובה טהון, א צייט ווען זיי מוזען זוכען גאט מיט׳ן גאנצען הארצען. לײדער איז שוין פיעלע יאהרען זייט דיעזע זמנים ווערען ניט געהיט מיט דעם זעלבען יראת הכבוד ווי אמאל, אבער מיר זיינען דאך ניט איבערראשט וואס זיי האבען פארלוירען זייער אמת׳ע באדייטונג.

ווען גאט האט דורך משה׳ן איינגעפירט דיעזע הייליגע טעג, האט ער געהאט אין זינען אז זיי זאלען געהיט ווערען ניט נאר פון פאלק ישראל אין דעם מדבר און אין כנהן, נאר אז זיי זאלען אנהאלטען זייער באדייטונג פאר אלע פעלקער ביז׳ן קץ, און באזונדער פאר יענע פון גאט׳ס קינדער וועלכע וועלען לעבען אין דעם לעצטען דור פון דער מענשליכער געשיכטע.

נעהמט אלס ביישפיל יום כיפור. מיר לעזען וועגען דעם אורשפרונג פון דיעזען טאג אין ויקרא 27:23. דארט ווערט עס אונגערופען—יום הכיפורים—, פון וואנען עס שטאמט דער באגריף „יום כיפור,“ דער טאג פון פארגעבונג. יענעם טאג האט דער כהן גדול אנגעפירט א רייע גאטעסדינסטען פאר דער גאנצער קהילה. ערשטענס האט דער כהן גדול געמוזט ברענגען א קרבן פון צוויי ציגען פאר׳ן פאלק. אויף דיעזע צוויי ציגען האט ער געווארפען גורל. איינער פון זיי איז, לויט׳ן גורל, געווארען „גורל אחד ליהוה, דער גורל פון גאט.“ דער צווייטער איז געווארען „גורל אחד לעזאזל,—דער גורל פון עזאזל.“

נאך׳ן ווארפען גורל האט דער כהן גדול גענומען דאס לעבען פון גאט׳ס ציג. דערנאך האט ער גענומען דאס בלוט פון דיעזען ציג און איז אריינגעגאנגען צום קדש קדשים פון מקדש. קיין אנדערען טאג פון יאהר האט דער כהן ניט געטארט אריינקומען צום קדש קדשים. וואלט ער דאס געסמייעט צו טהון, וואלט ער דערפאר באצאלט מיט׳ן לעבען, ווייל עס שטעהט געשריבען:

„און גאט האט געזאגט צו משה, רעד צו אהרן דיין ברודער, אז ער זאל ניט צו יעדער צייט אריינקומען צום הייליגסטען ארט, אינוועניג פון פרכת פאר דער כפרת וואס איז איבער דעם ארון, אום ער זאל ניט שטארבען; ווייל איך וועל ערשיינען מיט א וואלקען אויף׳ן כפרת.“ ויקרא 2:16.

נאָר איינמאָל אין יאָהר האָט דער כהן געמעגט אריינגעהן צום הייליגסטען אָרט פאַר דעם ארון, און דאָס איז געוועזן אום יום כיפור. חוץ געברויכען דאָס בלוט פון גאָט׳ס ציג אין דעם הייליגסטען אָרט אום יום כיפור, האָט גאָט איהם באַפעהלט צו טהון ווי פאָלגט:

„און ער זאָל נעהמען אַ ברענפאַן פול הייסע קויהלען פון דעם מזבח וואָס שטעהט פאַר גאָט, און זיינע הענד זאָלען זיין פול מיט זיסע דינע רויכגעוויר־צען, און ער זאָל עס אריינברענגען אינוועניג הינטער׳ן פּרכת; און ער זאָל לעגען די רויכגעווירץ אויף׳ן פייער פאַר גאָט, אום אז דער וואָלקען פון רויכ־געווירץ זאָל פאַרדעקען דעם כפרת וואָס איז איבער׳ן עדות, אום ער זאָל ניט שטאַרבען.“ ויקרא 13,12:16.

פאַר דעם ווי דער כהן גדול האָט אריינגענומען צום הייליגסטען אָרט דאָס בלוט פון גאָט׳ס ציג וואָס איז געווען פאַר די זינד פון׳ם גאַנצען פאָלק, האָט ער פריהער אהין אריינגעברעכט דאָס בלוט פון אַ געשאָכטען קעלבעל פאַר זיינע אייגענע זינד און פאַר זיין הויז־געזינד. מיט דעם בלוט פון קעלבעל האָט ער אויסגעמישט דאָס פייער און דאָס רויכגעווירץ. ערשט נאָך דעם ווי ער האָט דאָס געטהון פאַר זיך און פאַר זיין הויז־געזינד, האָט ער געטהון דאָס זעלבע מיט׳ן הייליגען פייער און מיט׳ן בלוט פון גאָט׳ס ציג. דער צוועק פון אָט דיעזען בלוט און רויכגעווירץ אום יום כיפור איז געווען אַ פיעלפאַכער:

ערשטענס, „ער זאָל מכפר זיין פאַר דעם הייליגען אָרט, צוליב די אומרייניגקייטען פון די בני ישראל, און צוליב זייערע זינד.“

צווייטענס, „דאָס זעלביגע זאָל ער טהון פאַר דעם פאַרזאַמלונגס־געצעלט, וואָס בלייבט מיט זיי טראָץ זייער אומרייניגקייט.“

דריטענס, „ער זאָל אַרויסגעהן צו מזבח וואָס איז פאַר גאָט, און זאָל דער־פאַר מכפר זיין.“ ויקרא 18,16:16.

פון דיעזע שורות זעהט מען אז דער כהן גדול האָט וועהרענט דיעזן העכסט־הייליגען טאָג געמוזט מכפר זיין פאַר דעם מקדש, פאַר דעם פאַרזאַמלונגס־געצעלט, און פאַר דעם מזבח וואָס איז געשטאַנען פאַר גאָט. ער האָט אויך געמוזט מכפר זיין פאַר׳ן גאַנצן פאָלק, אריינשליסענדיג זיין אייגענע פאַמיליע. די פאָלגענדע פסוקים זיינען אַ קורצער סך־הכל פון דער גאָטעסדינסט אום יום כיפור:

„ווייל יענעם טאָג וועט דער כהן מכפר זיין פאַר אייך, צו רייניגען אייך, אז איהר זאָלט ריין זיין פון אַלע אייערע זינד פאַר גאָט. און ער וועט מכפר זיין פאַר׳ן מקדש, און ער וועט מכפר זיין פאַר׳ן פאַרזאַמלונגס־געצעלט, און פאַר׳ן מזבח, און ער וועט מכפר זיין פאַר די כהנים, און פאַר׳ן גאַנצען פאָלק פון דער געמיינדע.“ ויקרא 33,30:16.

די גאָטעסדינסט וואָס דער כהן גדול האָט אָנגעפיהרט יענעם טאָג האָט געהאַט אַלס צוועק צו רייניגען אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט׳ן מקדש אַ גאַנץ יאָהר. יעדען טאָג פלעגט מען ברענגען קרבנות פאַר די זינד פון דעם

פאָלק. זעה ויקרא קאַפּיטעל 4. דאָס בלוט וועלכע דער כהן פלעגט טעגליך אריינברענגען צום הייליגען אָרט, פלעגט ער באַשפריצען אויף'ן פּרכת (דער פאָרהאַנג וועלכער האָט אָפּגעטיילט דאָס הייליגע אָרט פון דעם הייליגסטען). יעדעס מאָל וואָס דער זינדער האָט געבראַכט זיין קרבן חטאת צו דער טהיר פון מקדש, און האָט אויף איהם מתודה געווען זיינע זינד, און האָט דערנאָך גענומען דאָס לעבען ביים אומשולדיגען קרבן, פלעגט דער כהן נעהמען אביסעל בלוט פון דיזען אָפּפער און אריינגעהן צום הייליגען אָרט, דאָס הייסט, צו דער ערשטער אָפּטיילונג פון מקדש, פאַר דעם פּרכת. אזוי שנעל ווי ער האָט דאָס בלוט באַשפריצט אויף'ן פּרכת, זיינען די זינד מוחל געווען דעם זינדער, און ער האָט געמעגט אהיים געהן מיט פולען באוואוסטזיין אז זיינע זינד זיינען איהם פאַרגעבען געוואָרען. זעה ויקרא קאַפּיטעל 4.

דיזער פאָרהאַנג, אָדער פּרכת, איז געוואָרען א מין ספר זכרונות וויל אויף דעם האָט זיך געפונען דאָס אָפּפער־בלוט פון יעדען זינדער וועלכער האָט זיינע זינד מתודה געווען. אזוי איז דאָס בלוט אויף'ן פאָרהאַנג געווען דער אָנדעק פון אנערקענטע זינד. כאָטש דער מענש איז געוועזען פריי פון זיינע זינד, איז אָבער דער זכרון פון דעם עסק געבליבען פאַרצייכענט אויף'ן פאָרהאַנג.

אום יום כיפּור פלעגען אָט די זכרונות אויסגערייניגט ווערען פון דעם מקדש. דאָס מקדש און די גאַנצע גאָטעסדינסט פלעגט דאַן גענצליך גערייניגט און באַנייט ווערען. יענעם טאָג פלעגט גערייניגט ווערען דאָס גאַנצע פאָלק און איטליכער טייל פון מקדש. ניט נאָר פלעגט דאָס פאָלק יענעם טאָג גערייניגט ווערען פון זייערע זינד, נאָר אפילו דער זכרון, אָדער שפּור פון זייערע זינד פלעגט אויך אָפּגעווישט ווערען. מע דאַרף אָבער ניט פאַרגעסען אז דיזע גאַנצע צערעמאָניע איז געווען א סימבאָל אָדער מוסטער, און באַלד וועלען מיר זעהן פון וואָס.

וועהרענט דער כהן האָט דורכגעפיהרט דיזע הייליגע צערעמאָניע, האָט דאָס פאָלק געמוזט פאָלגען די פאָלגענדע באַפעהלע:

ערשטענס: זיי האָבען געמוזט פייניגען זייערע זעעלעס פאַר גאָט דעם גאַנצען טאָג. דער וואָס האָט דאָס ניט געטהון איז געווען פאַרשניטען פון זיין פאָלק.

צווייטענס: קיין געוועהנליכע ארבייט האָט ניט געטאָרט געטהון ווערען דעם טאָג.

דריטענס: יענעם טאָג האָט איטליכער געמוזט פאַרברענגען אין זוכען גאָט פאַר א פולער און גאַנצער רייניגונג פון זינד.

פיערטענס: אפילו די וועלכע האָבען דעם גאַנצען יאָהר פאַרפעהלט צו תשובה טהון פאַר זייערע זינד, האָבען איצט, אזוי לאַנג ווי דער כהן האָט גע־אָפּפער דאָס בלוט פאַר דעם ארון הברית, געקענט קריגען פאַרצייאונג, אויב זיי האָבען נאָר תשובה געטהון אום יום כיפּור.

פינפטענס: קיין פאַרצייאונג אָדער גנאָד איז ניט געגעבען געוואָרען צו קיי־



דער אהל מועד, און די געצעלטען פון ישראל פאר דעם בארג סיני

נעם וועלכער האט פארפעהלט צו קומען פאר'ן מקדש וועהרענד דער כהן איז אריין אין הייליגסטען ארט. אזא פערזאן איז געווען אפגעשניטען פון פאלק. ויקרא 23:26־32; 16:31.

די גאטעסדינסט וועלכע איז אנגעגאנגען אום יום כיפור האט באדייטעט עטליכע זאכען:

ערשטענס. דאס רייניגען פון מקדש. ויקרא 16:16.

צווייטענס. דאס אויסמעקען פון זינד. ויקרא 16:17,30,33.

דריטענס. א בילדליך פארשטעלונג פון יום הדין. ויקרא 23:28־30.

פיערטענס. א ווערק פון פארזיגלען, אדער פארזיכערען. ווייל איטליכער מענש וועלכער האט געטהון אום יום כיפור אלץ וואס גאט האט באפעהלט איז געווען פארזיכערט מיט זיין לעבען דאס גאנצע נעקסטע יאהר. זעה ויקרא 16:34. עס איז געווען די לעצטע געלעגענהייט פאר איטליכען צו קריגען געטליכע גנאד.

ווען דער כהן האט געענדיגט זיין דיענסט אום יום כיפור, האט ער ארויסגעטראגען פון מקדש די זינד וועלכע זיינען געווען אנגעזאמעלט פאר א גאנצען יאהר. ויקרא 16:21. דאס האט געמיינט מכפר זיין אדער רייניגען דאס מקדש; די וועלכע האבען פארפעהלט צו קומען, זיינען געווען פארשניטען פון פאלק. ישראל'ס געצעלט איז געווארען ריין. די גרענעץ־ליניע צווישען די גערייניגטע און די אומריינע איז געווארען זעהר קלאר. אזא ווערק האט זיך ווידערהאלט איינמאל יעדעם יאהר. זעה שמות 30:10; ויקרא 16:34.

ווען דיעזע דיענסט האט זיך געענדיגט, האט מען דעם עזאזל געבראכט צו דער טהיר פון מקדש, און אויף דיעזען לעבעדיגען ציג האט דער כהן ארויפגעלעגט אלע זינד וועלכע ער האט ארויסגעבראכט אוים דעם מקדש. ויקרא 16:20,21. א שטארקער מאן האט דאן די ציעג אוועקגעפיהרט צו אן אומבאוואוינט ארט, און דארט איז די ציעג פארבליבען. דיעזע לעבעדיגע ציעג איז ניט געטויטעט געווארען און איז אויך ניט געשטארבען יענעם טאג. פ. 22.

ווען דיעזער לעצטער אקט איז אפגעטהון געווארען, איז דערמיט געענדיגט געווארען דאס ווערק אין דעם מקדש פאר דעם יאהר. יעצט איז שוין ווידער געווען א ריינער מקדש, א ריינע געצעלט, און די מענשען וועלכע האבען געטהון לויט'ן געטליכען באפעהל זיינען געווען אנגענומען ביי גאט. זייערע אמאליגע זינד זיינען ניט נאר פארצייעט געווען, נאר אפילו זייער זכרון איז ניט מעהר פארבליבען. אט אזא ווערק איז דורכגעפיהרט געווארען איינמאל א יאהר לויט דעם באפעהל פון גאט צו משה'ן און אהרן'ען.

אבער זיינען אט די אלע אינסטרוקציעס געווען גילטיג נאר אויף ישראל? איז אין זיי ניט פאראן קיין פערמאנענץ? כאטש יום כיפור ווערט נאך היינט אפגעהיט פון אידען, האבען זיי שוין אבער לאנג פארלוירען דעם אמת'ן צוועק און באדייטונג דערפון. אבער ווען מיר באטראכטען די אינסטרוקציעס אין דעם נייעם טעסטאמענט ערפאהרען מיר אז אין דער צייט ווען די אלע סימ־

באָלישע צערעמאָניעס זיינען אין דעם משיח געוואָרען דיווירקליכקייט, זיינען אויפגעשטאַנען געטליכע מענער וועלכע האָבען די אידען געלערענט, גראָד אַזוי ווי גאָט האָט פריהער באַגייסטערט משה'ן צו געבען די תורה צו ישראל.

צווישען די נייע געטליכע מענער האָט זיך געפונען דער שאַרפזיניגער און טאַלאַנטפולער אידישער למדן, שואל, דער פעהיגער תלמיד פון געלערענטען גמליאל, און איהם האָט גאָט באַגייסטערט צו שרייבען אַ העכסט אינטערעסאַנטע שליחות צום אידישען פאָלק. דיעזער „בריעף צו די העברעער" איז באַין ספק איינע פון די טיפסטע גייסטיגע ערקלעהרונגען פון דעם געטליכען פּלאַן וועלכען גאָט האָט געוואָלט באַקאַנטמאַכען צו די אידען, דערמיט וואָס אין דיעזען בריעף ווערט צו זיי און צו אונס אַנטפּלעקט דער גאַנצער טיפער זינען און באַדייטונג פון דער גאַנצער גאָטעסדינסט אין בית המקדש, סיי אין דעם מדבר, סיי שפּעטער אין כנען.

אין פאַרבינדונג מיט דער תורה וואָס איז די אידען געגעבען געוואָרען פון גאָט דורך משה, האָט ער צו זיי געזאָגט:

„און ניט נאָר מיט אייך אַליין שליס איך איינט דיעזען בונד און דיעזע באַשווערונג, נאָר מיט איהם וועלכער געפינט זיך איינט פאַר אונזער האַר גאָט, און אויך מיט איהם וועלכער איז היינט ניטאָ מיט אונס." דברים 15,14:29.

און ווען שלמה האָט דעם מלך פון צר ערקלעהרט דעם צוועק פון בויען דאָס בית המקדש, האָט ער איהם געשריבען:

„און דאָס הויז וועלכע איך בוי איז גרויס, ווייל גרויס איז אונזער גאָט איבער אַלע געטער. אָבער ווער קען איהם בויען אַ הויז ווען אפילו דער הימעל, און דער הימעל פון הימלען קען איהם ניט דערהאַלטען? ווער אַלזאָ בין איך וואָס זאָל איהם בויען אַ הויז, סיידען אַז נאָר צו ברענען אָפּפער פאַר איהם?" דברי הימים ב 6,5:2.

פון דיעזע שורות איז קלאָר אַז די אינסטרוקציעס צו ישראל זיינען אויך געגעבען געוואָרען פאַר די קומענדיגע דורות, און דער צוועק פון בית המקדש איז געווען צו אָפּפערען די קרבנות.

לויט דעם באַגייסטערטען באַריכט פון נייעם טעסטאַמענט איז ביים טויט פון ישוע צוריסען געוואָרען אויף צווייען דער פאָרהאַנג פון דעם בית המקדש. זעה מתי 51,50:27. דיעזע געשעהניש איז געווען אַ באַווייז אַז די קרבנות און אָפּפער האָבען אויפגעהערט. אָבער מיט איבער פינף הונדערט יאָהר פאַר'ן טויט פון ישוע, האָט שוין דער מלאך גבראל געזאָגט צו דניאל'ן אַז דער משיח וועט מאַכען אויפהערען די קרבנות און אָפּפערס. זעה דניאל 9:25-27. מיר זעהען אַז דיעזע פּראָפעצייאונג איז ערפילט געוואָרען.

נאָך דעם ווי גמליאל'ס תלמיד, שואל (פּאָול) באַשרייבט די אויפשטעלונג פון מקדש אין מדבר און זיין צוועק, ערקלעהרט ער אַז אַלע דיעזע צערעמאָניעס זיינען געווען אין קראַפט ביז אַ גרויסער רעפאָרמאַציאָן. ער זאָגט אויך אַז די

גאַנצע סיסטעם איז געווען „אַ משל פאַר יענער צייט.“ העברעער 9:8-10.
דאָס הייסט אַז דאָס מקדש איז געווען אַ בילדליכע פאָרשטעלונג פון דעם גרוי־
סען ווערק וואָס ישוע, דער ערלעזער און משיח, וועט טהון פאַר דער מענשהייט
נאָכדעם ווי ז יי ן לעבען וועט געאָפּפערט ווערען אַלס אַ זינד־אָפּפער פאַר
דער גאַנצער מענשהייט.

אַט אַזאַ ווערק האָט ישוע טאַקע אונטערגענומען. זיין קומען אויף דער
וועלט האָט געהאַט אַ פיעלפאַכען צוועק. ישוע האָט געלעבט פאַר דער מענש־
הייט; און ער איז געשטאָרבען פאַר דער מענשהייט. ישעיה 53:3-12. ער
איז דאָס געטליכע לעמעלע וועלכע נעהמט אַוועק די זינד פון דער וועלט.
יוחנן 1:29,36. די שטונדען וועלכע דער ערלעזער האָט פאַרבראַכט און
גתשמני זיינען די ערפילונג פון דעם אומבאַפלעקטען לאַם וועלכען דער זינדער
פלעגט אָפּפערען נאָכדעם ווי ער האָט אויף דעם אומשולדיגען לאַם מתודה
געווען זיינע זינד ביים אריינגאַנג צום מקדש. אויף גלגלתא האָט ישוע אָפּגע־

דאָס קרבן חטאת לעמעלע איז געווען אַ מוסר השכל פון'ם משיח וועלכער
איז געווען אונזער קרבן־אשם. ישעיה 53:5-7,10-12.

געבען זיין לעבען פאַר די זינד פון אַ זינדיגער און שולדיגער וועלט. ישוע איז
געשטאָרבען, דער גערעכטער פאַר די אומגערעכטע. זיין טויט האָט מעגליך
געמאַכט דעם שלום צווישען מענש און גאָט. נאָך זיין טויט איז ישוע אויפ־
געשטאַנען פון קבר, אין ערפילונג פון דער נבואה. זעה תהלים 16:8-11;
אַפּאָסטעלגעשיכטע 2:25-32.

דאַן איז ער אויפגעשטיגען צוריק צום הימעל צו ווערען דער כהן גדול
פאַר אַ פאַרלוירענער און זינדיגער וועלט. זעה תהלים 110:1,4; זכריה
6:12,13. זיין זאַלבונג אַלס כהן גדול איז קלאָר פאַראויסגעזאָגט געוואָ־

רען אין תהלים 7,6:45. דיעזער פּסוק ערקלעהרט דייטליך אַז אויך אַנדערע זיינען מיט איהם געזאַלבט געוואָרען צו דער זעלבער צייט. העברעער 8:1. נאָך זיין ארויפקומען אין הימעל איז דאָרט פאַרגעקומען זיין פייערליכע איינ־וויהונג אַלס כהן גדול און די חנוכת הבית פון הימלישען מקדש. זעה דניאל 25:9. ער איצט געוואָרען דער אמת'ער כהן גדול וועהרענט נאָך אַנדערע האָבען מיטגעדיענט אַלס כהנים. אַלס דעם מענשען'ס כהן גדול האָט ער זיין דיענסט אָנגעהויבען אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון הימלישען בית המקדש, פּונקט אַזוי ווי עס פּלעגט געטהון ווערען אין אירדישען מקדש וואָס משה און אהרן האָבען איינגעפיהרט. דורך זיין גרויסען קרבן, און דורך אמונה אין דער אויסלעזונג וועלכע ער האָט געמאַכט, קענען מענשען ווידער קומען צו גאָט דורך איהם, וועלכער איז אונזער גנעדיגער און געטרייער פּארמיטלער און מליץ. זעה העברעער 17:2; 2,1:3; 14:4־16.

דיעזע אַרבייט האָט דער משיח אָנגעפיהרט אין הימעל איבער 1800 יאָהר. אָבער עס מוז קומען דער גרויסער יום הכיפּורים, דער ווירקליכער, צוועקמעסיגער יום כּיפּור. מיר האָבען געזעהן אַז ווען יום כּיפּור איז געקומען האָט מען אויסגערייניגט די זכרונות פון די זינד פון גאָט'ס קינדער, וועלכע זכרונות האָבען זיך אַ גאַנץ יאָהר אָנגעזאַמעלט אין מקדש. אַזוי מוז קומען די צייט ווען אויך די פּארמיטלונג פון דעם הימלישען כהן גדול וועט זיך ענדיגען. ווען אָט די צייט קומט וועט זיך אָנהויבען דער גרויסער יום כּיפּור פאַר איט־ליכען אויפריכטיגען מענשען.

אָט דאָס איז געשעהן אין הימעל אום יום כּיפּור פון 1844. זעה קאַפּיטעל 6, זייטע 60. צו יענער צייט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע און וויכטיגע רעלי־גיעזע באַוועגונג, צווישען די יאָהרען 1834 און 1844. הונדערטער און טויזענטער מענשען האָבען פּראָקלאַמירט אַז אין דעם יאָהר 1844 וועט דאָס מקדש געריייניגט ווערען; דער גרויסער יום הדין וועט זיך אָנהויבען. זעה דניאל 14:8, אַנטפּלעקונג 7,6:14. אין נאָרד אַמעריקאַ איז דיעזע באַוועגונג געווען באַקאַנט אַלס די מיללער־באַוועגונג (מילעראַיט מואוומענט), ווייל אַ מאַן מיט'ן נאָמען וויליעם מיללער האָט זיך באַריהמט געמאַכט מיט פּרעדיגען אַז באַלד וועט קומען דער סוף פון דער וועלט און עס וועט צוריקקומען דער משיח אויסצולעזען אַלע וועלכע זיינען גרייט פאַר איהם.

דאַמאַלס האָט מען גענומען פאַרשטעהן די גרויסע וואהרהייט אַז אין הימעל האָט זיך אָנגעהויבען דער ווירקליכער יום כּיפּור. זייט דעם יאָהר 1844 האָבען גאָט'ס געטרייע קינדער אָנגעוויזען אויס דעם אַלטען און נייעם טעסטאַמענט אַז מיר לעבען איצט אין דער צייט ווען דאָס הימלישע מקדש ווערט געריייניגט; דאָס אין הימעל געהט איצט אָן דער גרויסער יום הדין; דאָס דער גרויסער כהן גדול פאַרנעהמט זיך איצט מיט רייניגען און אויסמעקען די זכרונות פון זינד; און זייט דאַן, איבער 80 יאָהר, איז שוין אָנגעגאַנגען דאָס ווערק פון חתימה, פאַרזיגלונג.

דאָס ווערק פון די סעווענטה־דעי אדווענטיסטען, אָדער סובאָטניקעס, (שומרי שבת) איז געווידמעט צו פּראָקלאַמירען איבער דער גאַנצער וועלט אַז זייט דעם יאָהר 1844 לעבען מיר אין דעם ווירקליכען יום הדין, דעם טאָג פון געטליכען משפּט. אָט דאריבער גלויבער די אדווענטיסטען אַז עס איז אַזוי וויכטיג צו היטען אַלע צעהן געטליכע געבאָט, צו פאָלגען גאָט אין אַלע אינזיכ־טען, צו גלויבען די ג א נ צ ע ביבעל, דעם אַלטען טעסטאַמענט ניט ווייניגער ווי דעם נייעם, און צו לעבען אַזאַ זויבערען לעבען ווי עס האָט געלעבט ישוע, דער הייליגער משיח. זיי גלויבען אַז איצט איז די לעצטע געלעגענהייט פאַר דער מענשהייט אָנצענעהמען און געניסען פון דער ליעבע און דער גנאָד פון א בארעמהארציגען גאָט און א ווייכהארציגען, מיטפיהלענדען ערלעזער.

לויט די נבואות פון אַלטען און נייעם טעסטאַמענט וועט זיך אין גיכען ענדיגען דאָס ווערק פון אונזער הימלישען כהן גדול. דאַן וועט דער יום כיפּור זיך ענדיגען. די וועלכע האָבען שלום געמאַכט מיט גאָט דורך דעם גלויבען און אָננעהמען פון זיין משיח וועלען געפינען חן, און וועלען האָבען די פאַר־זיכערונג אַז אַלע זייערע זינד זיינען אויסגעמעקט געוואָרען. זיי וועלען וויסען אַז זיי זיינען געחתמ'עט געוואָרען מיט דעם זיעגעל פון דעם לעבעדיגען גאָט. זיי וועלען זיין גרייט צו באַגעגענען דעם משיח אויף זיין ווידערקומען, ווען דער הימלישער בית המקדש איז אויסגערייניגט געוואָרען, און דאָס געצעלט פון דעם וואַהרען ישראל פון גאָט איז אויסגערייניגט געוואָרען.

זייט דעם יאָהר 1844 לעבט זיך די וועלט אין אָט דיעזען פּעריאָד. דער אויפרוף צו זוכען גאָט געהט יעצט אַרום צו אַלע פעלקער. דיעזע ווערק איז ניט גלאַט צו באַקעהרען אימיצען צו א נייער אמונה. עס איז א וואָרנונג צו אידען אַזוי ווי צו גויים. צעהנדליגער טויזענטער רופען זיך אָפּ אויף דיעזער וואָרנונג אויס אַלע ראַסען, שבטים, רעליגיאָנען, נאַציאָנאַליטעטען; זיי אַלע נעהמען היטען שבת, דעם הייליגען זיבעטען טאָג, און אַלע אַנדערע געבאָט, און זייער לעבענס אַמביציע ווערט צו זיין גרייט צו באַגעגענען דעם משיח ווען ער וועט קומען.

מיר לעבען אויף געוויס אין דעם טאָג פון יום הדין, דעם געטליכען יום כיפּור. און עס איז א לעבענס־פראַגע פאַר איטליכען מענשען צו זיין געזיכערט אַז זיין נאָמען איז פאַרשריבען אין דעם ספר חיים, דעם בוך פון אייביגען לעבען.

קאַפּיטעל 10

אויף דער שוועל פון אייביגקייט

לויט דער פּאָפּולערער עוואָלוציאָנס־טעאָריע האַלטען מיר, טראָץ זיך זעלבסט, און ווי דורך עפּעס אַ געהיימער און טרייבענדער קראַפט, אין איין אוואַנסירען אַלס די צייט רוקט זיך. דער אומגעהייערער וואוקס פון פאַרברעכערישקייט, אוממאָראַליטעט, און פאַרדאָרבענהייט קימערט ניט דיעזע טעאָרעטיקער. זיי מאַכען דאָס אַוועק מיט אַ זעשסט פון זייער האַנט און זאָגען אַז דאָס איז אַ נויטיגער שטאַפּעל אין דעם קלעטערען צו פאָלקאָמענהייט. דיעזע פילאָזאָפיע איז אַ שרעקליכער באַטראָג. זי שטערט דעם מאַכען אַ ריכטיגען דיאַגנאָז פון דעם צושטאַנד, און דער מעגליכקייט צו געפינען אַ נויטיגע רפואה. באַטראַכטענדיג אַ שטאַרבענדיגען קראַנקען וועט אַ פּאַרטאַטשנער דאָקטאָר אפשר איהם פּרובירען פאַרזיכערען אַז זיין צושטאַנד איז ניט געפעהרליך, נאָר אַ נויטיגער שטאַפּעל פאַר'ן געזונט ווערען, אָבער דאָס וועט דעם קראַנקען ניט געזונט מאַכען. סיידען מע וועט רופען אַ אינטעליגענטען דאָקטאָר וועלכער זאָל מאַכען אַ פּינקטליכען דיאַגנאָז פון דער קראַנקהייט, איז דער קראַנקער פאַרלוירען. דאָס זעלבע מיט אונזער וועלט: סיידען מיר וועלען מאַכען אַן אויפריכטיגען און אומפּאַרטייאישען דיאַגנאָז פון דעם צושטאַנד פון אונזער דור, און וועלען זוכען אַ פּאַסיגע רפואה, איז די וועלט פאַרלוירען.

אַלס מיר קוקען זיך אַרום, זעהן מיר אומעטום סימפּטאָמען פון אַן ערנסטער און פאַרדאַרבענדער קראַנקהייט. עס זעהט אויס אַזוי ווי עפּעס אַ שרעקליכער פּאַראַזיט וואָלט אויסגעגעסען דאָס סאַמע האַרץ פון דער געזעלשאַפט. צולאָזענהייט און גייציגקייט איז צו זעהן אומעטום; דעגענעראַציע און פאַרדאָרבענהייט הערשען איבעראַל; פאַרברעכען און געזעצלאָזיגקייט געוועלטיגען. אַדרעסירענדיג מיליאָנען פון זיינע מיט־בירגער וועהרענט דער איינשוועררונגס־צערעמאָניע, האָט פּרעזידענט הואָווער אויסגערעכענט די געפאַהרען וועלכע סטראַשען אונזער דור, אָבער ער האָט אונטערשטראָכען אַז, „די ערגסטע פון אַלע דיעזע געפאַהרען איז היינט אומאַכטונג און ווידערשפּעניגקייט צום געזעץ.“ איינינגע האָבען אויסגעדריקט זייער האָפענונג אַז דער וועלט־קריעג וועט אויסניכטערען די מענשהייט און וועט דערהויבען די מאָראַלישע און געזעלשאַפטליכע אידעאַלען. אָבער איצט איז שוין אַלעמען קלאָר אַז זייט דעם וואַפּענשטילשטאַנד האָט די מענשהייט פון זיך אָפּגעטהון יעדע זעלבסט־איינצוימונג. פאַרברעכען, אַלקאָהאָל־שמוגלעריי, באַנדיטעריי ווערען אָנגעפיהרט אויף אַ גאָר מעטאָדישען אופן, מיט דער הילף פון וויסענשאַפט, רייכטום, און סאָציאַלען און פּאָליטישען „פּול.“

אָבער דאָס טרויעריגסטע דערביי איז וואָס די מעהרהייט פאַרברעכענס קומט פון דער יוגענט און פון פּשוט'ע אינגלאַך. אין דער קוק קאַונטי געפענ־

געניש אין שיקאגא זיינען 70 פראָצענט פון אלע געפאנגענע אינגלאך און מיידלאך פון 17 ביז 23 יאָהר אלט. זוכענדיג די אורזאכע פון אזא טראגישער לאגע, זאָגט דער פּארוואלטער פון יענער געפענגעניש, מר. פאגארטי: „מאסען פאַטערס און מוטערס האָבען אויפגעהערט צו טהון זייער פליכט, און דער רעזולטאט איז זייערע קינדער געהן גלייך צום טייוועל." אין פינף יאָהר צייט זיינען העלפט פון די 319,000 אינגלאך פון מאנהעטען (ניו יאָרק) געפיהרט געוואָרען צו די פּאָליציי קאָורטס פאר איבערטרעטען דאס געזעץ. אויב עס איז אמת אז די אינגלאך פון היינט זיינען די געזעלשאפטליכע אָנפיהרער פון מאָרגען, שטעלט מיט זיך די צוקונפט פאר א זעהר טונקעלע בילד.

וואס האט געפיהרט צו אט דיעזען טרויעריגען צושטאנד פון אונזער יוגענט? מיר ציטירען די פאָלגענדע שורות אויס דעם „עקספּאָזיטער," יאנואר 1929, אלס א געטרייע אָפּשאצונג פון דיעזען פאל: „דער וואָרצעל פון אונזער פארדאָרבענעם בוים איז רעליגיאָנס־לאָזיגקייט. מיר ערציהען איצט א דור פון אטעאיסטען און ליבהאבער פון פארגעניגענס. אונזערע העכערע

UNDERWOOD PHOTO

געפאנצערטע אָוטאָס אום צו פארהיטען פרעכע רויבערייען

בילדונגס־צענטערס, באַזאָרגט מיט מיליאָנען, איגנאָרירען די ביבעל און אלץ וואס זי שטעלט מיט זיך פאר. אונזערע טעאטערע זוכען צו קיצלען די ניד־דריגסטע אינסטינקטען פון דער מענשליכער נאטור. זיי שטרעבען רק צו פאר־גוואלטיגען יעדען אינסטינקט פון באשיידענהייט און אנשטענדיגקייט, און מאכען חוזק פון אלע הייליגטימער... אפילו אונזערע קליינע קינדערלאך לאָזט מען זעהן ווי פיעל זיי גלוסט זיך די בילדער וועלכע זיינען א וואולגארע פאראָ־דיע איבער דאס לעבען און ליעבע. אונזער ליטעראטור איז פאגאניזירט. נאָר יענע ביכער און צייט־שריפטען וועלכע שטינקען אזש פון פאָרנאָגראפיע,

האָבען אַ אומגעהייערע צירקולאַציע. ווי אַזוי קען אימיצער צוזעהן דיעזע באַ־דייטענדע פאַקטען אָהן צו פיהלען טיף באַזאָרגט וועגען דער צוקונפט פון דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע?"

אָבער איז דען אַ וואונדער וואָס די היינטיגע קינדער זיינען אַזוי ווען מען באַטראַכט די אויפפיהרונג פון זייערע עלטערען? די געטליכע אינסטיטוציע פון דער היים האָט שוין לאַנג אָנגעוואוירען איהר הייליגע באַדייטונג, און איז היינט באַטראַכט בלויז אַלס אַ פּלאַץ וואו מע קען געהן שלאָפען, אָדער זיך איבערטהון צווישען דער ארבייט און דעם טעאַטער. די היים וועלכע גאָט האָט געגרינדעט צו דיענען אַלס מקום מקלט פון די דעמאָראַליזירענדע איינפלוסען וועלכע הערשען אַרום אונס, וואַקעלט זיך ווי פאַר'ן צוזאַמענברעכען. טאַטע און מאַמע זיינען באַרוישט פון פאַרגעניגענס, אָטאָמאָבילס, און געלט. זייער נאַכלעסיגקייט ברענגט דערצו אַז זייער אינגעל זאָל זיך אויסזוכען זיינע בוזעם־פריינד אין דעם סיגאַרעטעל, אין דעם קרענקליכען ראָמאַן, אין דער פּאָרנאָ־גראַפישער מואווי־דראַמאַ, אָדער אין חברים וועלכע זיינען שוין פּראַקטיצירט אין פאַרדאָרבענהייט און פאַרברעכען. זיינע עלטערען זיינען צו פאַרנומען אין געיעג נאָך רייצענדע פאַרגעניגענס־מיטלען אַז זיי זאָלען ערנסט אַ טראַכט טהון וועגען איהם, און די היים איז כמעט ווי פאַרלאָזען. „פרעהליכע" אונ־טערהאַלטונגען, טרינקעריי, און אַמוזירונג איז געוואָרען דער „שבולת" פון היינטיגען מאַן און פרוי. די צאָהל גט'ן שטייגט פון טאָג צו טאָג. די געטריי־שאַפט צווישען דער פאַרהייראַטער פּאָר ווערט פון פיעלע באַטראַכט אַלס אַ רעשט פון אַ מאָראַלישען קאָדעקס וואָס האָט שוין לאַנג אָנגעוואוירען זיין ניצליכקייט. גאָט, אייביגקייט, און יום־הדין ווערען ארויסגעשטופּט פון דעם געוויסען דורך די זאָרגען און פאַרגעניגענס פון אירדישען לעבען, און די פאַר־עהרונג פון דעם באַשאַפער ווערט פאַרנומען דורך די גלענצענדע טעמפּעלס פאַר פאַרגעניגען און פון די געצען פון גאָלד און זילבער. זאָגט די ביבעל „וויל דער אורטייל איבער אַ פאַרברעכען ווערט ניט שנעל דורכגעפיהרט, דערפאַר זיינען די מענשליכע הערצער אָנגעפילט מיט זיי צו טהון שלעכטס." קהלת 11:8. גאָט איז זעהר געדולדזאַם מיט אונזער דור, אָבער וואָס פאַר אַ גרויסע איבערראַשונג ערוואַרט אַלע עקשנות'דיגע רשעים אין דעם גרויסען טאָג פון רעכענונג!

פּאָליטיש דערמאָנט די וועלט אָן אַ קאָכעדיגען וואולקאַן וועלכער איז גרייט צו יעדען מאָמענט אָנהויבען שפּייען טויטליכע לאַווע. די סטאַטיסטיק פון דעם פעלקער־פאַרבאַנד אינפאָרמירט אונס אַז היינט זיינען פאַראַן 5,500,000 סאָלדאַטען אין אַקטיווער דינסט צווישען די פעלקער פון דער וועלט, און די יעהרליכע קאָסטען פון מיליטערישע פאַרבאַרייטונגען גרייכט די אומגע־הייערע סומע פון $3,500,000,000, וואָס וואָלט באַטראָפען צו $2 אויף יעדען מאַן, פרוי, און קינד, ווען מע וואָלט דיעזע סומע צוזאַמענגעקליבען פון אַלע איינוואוינער פון דער וועלט. ללאָיד דזשאָרדזש האָט אַנומלט ערקלעהרט אַז

די אַמאָליגע עליים פון דעם וועלט־קריעג האָבען איצט 10,000,000 מענשען וועלכע זיינען פּראַקטיצירט און גרייט פאַר מיליטערישער דיענסט, וועלכע ציפרע איז באַדייטענד גרעסער פון דער צאָל סאָלדאַטען וועלכע זיי האָבן געהאַט פאַר דער גרויסער מלחמה.

אמת, עס ווערט דיעזע טעג פיעל גערעדט וועגען ענטוואָפנונג און וועלט־פריעדען. אַ סך באַפּוצטע אָראַטאָריע ווערט געווידמעט צום פריעדען צווישען פעלקער. אָבער טהאַטען פאַרשרייען ווערטער; דער גערויש פון די טאַנקען, פלאָטען, קרייצערס, סובמאַרינען, גיפטיגע גאַזען, גיפטיגע שטראַהלען, קריעגס־עראָפּלאַנען וועלכע ווערען איצט פּראָדוצירט, פאַרשרייט די סאַמעטענע פריעדענס־אָראַטאָריע. דיעזע אינסטרומענטען פאַר טויט און פאַרניכטונג זיינען פיעל אויסגעבעסערט געוואָרען זייט דעם לעצטען קריעג. כעמישע רעגירונגס־לאַבאָראַטאָריעס אַרבייטען אומאויפהערליך צו ערפינדען כעמישע גאַזען וועלכע זאָלען איבערשטייגען אַלע זייערע קאָנקורענטען. אַ וועלט־באַריהמטער כעמיקער האָט אַנומעלט באַקאַנטגעמאַכט אַז דער נייערפונדענער גיפטיגער גאַז „קאַקאָדיל איזאָסייעניד“ וועט צושטערען אַרמעען אַזוי פּשוט ווי איינער וואָלט אויסגעלאָשען אַ ליכטעל.“

ווען דער קעלאָג־אָפּמאַך איז לעצטענס אונטערגעשריבען געוואָרען האָבען עס פיעלע שלום־ענטוזיאַסטען באַטראַכט אַלס דעם סוף צו אַלע מלחמות. דעמזעלבען טאָג ווען דיעזער אָפּמאַך איז אונטערגעשריבען געוואָרען, האָט דער רעדאַקטאָר פון אַ באַקאַנטער רעליגיעזער צייטשריפט געשריבן אַז, „היינט איז אינטערנאַציאָנאַלע מלחמה פאַרשיקט געוואָרען פון דער ציוויליזירטער וועלט אין גלות אַריין.“ אָבער ללאָיד דזשאָרדזש, וועלכער פאַרשטעהט צו וואויל די מענשליכע נאַטור אַז ער זאָל מיטגעריסען ווערען פון דעם צייט־ווייליגען שלום־עקסטאַז, האָט צו דער געלעגענהייט פון אַ מימישער אַטאַקע פון דער קעניגליכע לופט־אַרמעע אויף לאָנדאָן, זיך אויסגעדריקט אַז „אָפּמאַכען זיינען נוצלאָז אַזוי לאַנג ווי פעלקער גרייטען צו נייע מאַשינעריע פאַר פאַרניכטונג.“ און דער באַריהמטער קאָרעספּאָנדענט קאַרל פאָן וואַיגענד, שרייבט פון אייראָפּאַ, אין אַן אַרטיקעל פון 7טען מערץ, אַז „אייראָפּאַ וועט זיך ניט ענטוואָפענען. איהרע הויפּט מיליטערישע אָנפיהרער ניט אַפילו חלום'ען רעדוצירען זיירע וואָפען צום איצטיגען מאָמענט. איינינע פון די גרעסערע מעכטע, לויט ווי מע זאָגט, נעהמען זיך אַפילו ניט די מיה צו ערנסט שטודירען די פראַגע.“

עס איז נוצלאָז צו ערוואַרטען שלום אַזוי לאַנג ווי עס איז פאַראַן קריעג אין האַרצען. זאָגט די ביבעל, „היט דיין האַרץ מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט, ווייל אין איהם איז דער קוואַל פון לעבען.“ משלי 23:4. ניט די פרידענס־אָפּמאַכען אָדער פּאַפּירענע קאָנטראַקטען, נאָר דאָס האַרץ באַשטימט צי שלום אָדער קריעג זאָלען הערשען אויף דער וועלט. דער נביא האָט ריכטיג אָפּגעשאַצט די סיטואַציע ווען ער האָט געזאָגט, „די רשעים זיינען ווי אַ ברוי־

זענדער ים, וועלכער רוהט ניט און וועמעס וואסערן שליידערן ארויס בלאָטע און שמוץ.‟ ישעיה 21,20:57. גאָט האָט דער מענשהייט געגעבען אַ געזעץ, און דער וועלכער דערלאָזט דעם געטליכען רוח הקודש אויסקריצען דיעזע געבאָט אויף זיין הארצען, דער האָט פריעדען מיט גאָט און מיט זיינע מיטמענשען. „אַ ווען דו וואָלסט זיך צוגעהערט צו מיינע געבאָט! דאַן וואָלט דיין פריעדען געווען ווי אַ טייך, און דיין גערעכטיגקייט ווי די וועלען פון ים.‟ ישעיה 18:48.

לאָמיר איצט באטראַכטען דאָס אינדוסטריעלע בילד פון אונזער צייט. דער שטרייט צווישען קאפּיטאַל און לוין־ארבייטער ווערט פאַרשאַרפט פון טאָג צו טאָג. צוליב די העכערע לעבענס־באַדינגונגען וועלכע האַלטען איצט אָן איז עס שווער דעם ארבייטער צו צאָהלען פון לוין פאַר דעם אָטאָמאָביל, די ראַדיאָ, די וואש־מאַשין, די נייה־מאַשין, דעם וואַקוּאום־רייניגער און אַ דוצען אַנדערע מאָדערנע נויטווענדיגקייטען אָדער לוקסוסען. פון דער אַנדערער זייט ווערט דאָס קאַפּיטאַל אַלץ מעהר קאָנצענטרירט אין געצעהלטע הענד. איבער 9,000 שפּוּגעל־נייע מיליאָנערען זיינען אויפגעקומען אין 1925. סך הכל זיינען יענעם יאָהר געווען 30,295 מיליאָנערען, לויט די טעקסעס וועלכע זיי האָבען באַצאָהלט אין 1926 אויף זייערע איינקיפטע פון 1925. זייער פאַראייניגטער איינקופט פאַר דעם יאָהר איז געווען $3,720,000,000, וואָס איז געווען אַ זעקסטעל פון אַלע איינקינפטע וועלכע זיינען געווען באַריכט פון כמעט 4,000,000 מענשען וועלכע האָבען יענעם יאָהר געצאָהלט טעקסעס. פון דיעזע מיליאָנערען זיינען געווען 207 וועלכע האָבען פאַרדיענט איבער אַ מיליאָן יעדער, אָדער אַ טאָטאַל פון $422,000,000, אָדער דורכשניטליך $2,000,000 יעדער. ראַקעפעלער, פאָרד און ראָטשילד זיינען ווערטה איטליכער צו $2,000,000,000. די גוגענהיימס, דו פאָנטס, וואַנדערבילטס, און אַסטאָרס זיינען ווערטה איטליכער צו $500,000,000. אומגעפעהר פופציג פאַמיליעס אין די פאַראייניגטע שטאַאַטען פאַרמאָגען איבער $100,000,000 יעדע; איבער אַ הונדערט פאַמיליעס האָבען איבער $50,000,000 יעדע; און איבער 300 פאַמיליעס האָבען איבער $20,000,000 יעדע. איבער זיבען־אַכטלען פון דעם נאַציאָנאַלען רייכטום פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען שטעקט אין די הענד פון ווניגער ווי איין פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. באַציהענדיג זיך אויף אונזער צייט־אַלטער, זאָגט דער נביא:

„געהט נון, איהר רייכע, וויינט און קלאָגט איבער אייערע צרות וואָס וועלען קומען... איהר האָט אוצרות אָנגעזאַמעלט אין די ל ע צ ט ע ט ע ג. זעה, דער לוין פון אייערע ארבייטער...וואָס איז פון אייך צוריקגעהאַלטען, שרייט; און זייער געשריי...איז אריינגעקומען אין די אויערען פון דעם גאָט פון הערשאַרען.‟ יעקב 4,3,1:5. דיעזע אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל אין די הענט פון גרויסע קאָרפּאָראַציעס ווערט אָפטמאָל געטהון דורך באַרויבען דעם אָרעמען

פארדינער, און דאָס שאפט שנאה צווישען אָרעמע און רייכע, און די אומצעהד־ליגע סטרייקס און לאקאוטס און וועלכע שאפען אָפטמאָל גרויסע ליידען צו מיליאָנען אומשולדיגע פרויען און קינדער. אָבער די ביבעל זאָגט אז די געשרייען פון די אָרעמע „איז אריינגעקומען אין די אויערען פון דעם גאָט פון הערשאַרען.“ גאָט איז גוט באקאנט מיט די אומגערעכטיגקייטען וועלכע די רייכע באגעהען אום רייך צו ווערען. „האָט אויך געדולד,“ עצה'ט דער נביא די אָרימע, „זעה, דער (געטליכער) ריכטער שטעהט ביי דער טהיר.“ פּפּ 9,8. „ראכע נעהמען איז מיינס, און איך וועל אָפּצאָהלען,“ זאָגט גאָט. ער הייסט ניט די אָרעמע צו נעהמען דאָס געזעץ אין זייערע אייגענע הענד און נעהמען נקמה פון זייערע רייכע באטריגער, ווייל דאָס וואָלט באשמוצט זייער זעעלע מיט האַס און געוואלדטהאט. אמת'ע גליק פון פרייד איז ניט אָפּהענגיג פון אירדישע רייכטהימער, נאָר פון דער געמיינשאפט מיט איהם „אין וועמעס, אָנוועזענהייט איז פאָלקאָמענע פרייד,“ און ביי וועמעס „רעכטער האנד זיינען הייביגע פארגעניגענס.“ תהלים 11:16.

פון דעם וואָס איז געזאָגט געוואָרען אין דיעזע פאראגראפען מוז יעדער אויפריכטיגער מענש צוגעבען אז אונזער סאָציאלע, מאָראלישע, פּאָליטישע און אינדוסטריעלע וועלט איז דורך און דורך פארדאָרבען. די באגייסטערטע פעדער מאָלט א געטרייעם בילד פון אונזער צייט אין דיעזע ווערטער:

„דאָס זאָלסטו וויסן, אז אין די ל ע צ ט ע ט ע ג וועלן קומען געפעהרליכע צייטען. ווייל מענשען וועלען זיין ליבהאָבער פון זיך זעלבסט, געלדגייציג, באריהמער, שטאָלץ, לעסטערער, אומגעהאָרזאם קעגען עלטערען, אומדאנקבאר, אומהייליג, אכזרים, אומגעטרייע, רכלות זאָגער, צולאָזען, גרויזאם, פאראכטער פון די וועלכע זיינען גוט, מוסרים, היציגע, אויפגעבלאָזען, וועלכע ליעבען די פארגעניגענס מעהר ווי זיי ליעבען גאָט, וועלכע האָבען א פאָרם פון רעליגיע, אָבער זיי לייקענען די קראפט דערפון.“ ב טימותיום 1:3־5.

דאָס איז א פּראָפעצייאונג פון ניינצעהן זינד וועלכע וועלען דאָס לעבען „געפעהרליך“ מאכען „אין די לעצטע טעג.“ קיין אויפריכטיגער מענש וועט פעהלען צו באמערקען אז גראד אָט דיעזע זינד זיינען היינט אויסעראָרדענטליך פארשפרייט. איינע פון דיעזע זינד וואָלט גענוג געווען צו שטעלען אין געפאהר דאָס וואוילזיין פון דער מענשהייט, אָבער ווען אלע ניינצעהן ווערען באגאנגען, איז דען א וואונדער וואָס דער נביא זאָגט אונס אז זיי וועלען פאראורזאכען „געפעהרליכע צייטען?“ אין דער פארדאָרבענהייט און די אומצעהליגע געפאהרע פון היינטיגען לעבען, האָבען מיר א קלאָרען באווייז אז מיר לעבען אין די „לעצטע טעג.“

אפילו די נאטור זעלבסט האָט ווי פארלוירען איהר גלייכגעוויכט. איטליכער וואָס לעזט די צייטונגען רעגעלמעסיג מוז איבערראשט ווערען פון די פיעלע באריכטען וועגען קאטאסטראָפּעס וועלכע פאראורזאכען שווערע פארלוסטען פון לעבענס און אייגענטום. מיר האָבען געלעזען וועגען די טאָר־

נאָדאָס אין סויט קאראָליינא און אַנדערע שטאַטען; וועגען דער ערדציטערניש אין ווענעזועלאַ; דער קאַלטער כוואַליע אין איירָאפּאַ וואָס האָט אָפּגעקאָסט הונדערטער לעבענס; דעם מיסיסיפּי־טייך־פאַרפלייצונג; דער ערדציטערניש אין ניו זעעלאַנד; דעם שטורעם אין ניו ענגלאַנד; דעם הוראַקאַן אין פּאָרטאָ ריקאָ, און פלאָרידאַ; דעם שנעע־שטורעם אין די בערגיגע שטאַאטען; דער פאַרפלייצונג אין איירָאפּאַ; דעם הונגער אין בעסאַראַביע, אין כינאַ א. ד. ג. דער שרייבער האָט נאָך וואָס ערהאַלטען אַ ידיעה פון אַ נאַציאָנאַלער הילפס־אָרגאַניזאַציע וועגען צוואַנציג מיליאָן כינעזישע מענער, פרויען און קינדער וועלכע זיינען אין געפאַהר פון זיכערען טויט סיידען מע וועט זיי שיקן מאָמענ־טאַלע הילף. עס פאַרגעהט ניט אַן איינציגער טאָג וואָס מע זאָל ניט לעזען וועגען נייע קאַטאַסטראָפעס איבער לאַנד און וואַסער.



דורך קאַטאַסטראָפעס זוכט גאָט אויפצוטרייסלען
אונזער גייסטיגע גלייכגילטיגקייט

וואָס איז דער זינען פון אָט די אַלע זאַכען? וואָס באַדייטען דיעזע באַאומרוהיגענדע סימפּטאָמען? פאַרוואָס הערשט אין אונזער דור מעהר אומרוה, אומצופרידענהייט, שטרייט, און פאַרדאָרבענהייט ווי אין וועלכען אַנדערען? וואָס הייסען די אויפרודערונגען אין דער נאַטור? פאַר אַן ענטפער אויף דיעזע ערנסטע פראַגעס מוזן מיר זיך ווידער ווענדן צום געטליכן וואָרט. אַלס גאָט האָט פאַר דעם נביא אַנטפּלעקט די לעצטע טעג פון דער וועלט־געשיכטע, האָט דער נביא געזעהן אַ געטריי בילד פון אונזער צייט:

„די ערד טרויערט און איז פאַרוועלקט; די וועלט שמאַכטעט און איז פאַרוועלקט; דאָס שטאָלצע פאָלק פון דער ערד איז פאַרשניטען געוואָרען. די ערד איז פאַרדאָרבען אונטער איהרע איינוואוינער; ווייל זיי האָבען עובר געווען די תורות, זיי האָבען געענדערט דאָס געזעץ, זיי האָבען צושטערט דעם אייביגען בונד.“ ישעיה 5:24. וואָס ווערט געמיינט אונטער די ווערטער „דער הייליגער בונד?“ די תורה זאָגט אַז גאָט „האָט אָנגעשריבען אויף טאָוולען די ווערטער פון דעם בונד,—— די צעהן געבאָט,“ (שמות 28:34) ווערהענט אין תהלים 9:111 לעזען מיר אַז גאָט „האָט באַפוילען זיין בונד אויף אייביג.“ לעגענדיג דיעזע צוויי פסוקים צוזאַמען געפינען מיר אַז דער „אייביגער בונד“ איז קיין אַנדערע זאַך ווי די עשרת הדברות. אַלזאָ פאַרוואָס איז די וועלט אין דעם איצטיגען טרויעריגען צושטאַנד? גאָט זאָגט אונס אַז די אורזאַכע פון די אַלע טרויעריגע ערשיינונגען פון אונזער צייט איז ווייל „זיי האָבען עובר געווען די תורות...און צושטערט דעם אייביגען בונד.“ קיין רעגיערונג קען ניט לאַנג דויערען אָהן געזעצע וועלכע זאָלען רעגולירען די אויפפיהרונג פון די בירגער. געגענזייטיגע פאַרניכטונג און אַנאַרכיע וואָלטען שנעל וויסט געמאַכט דאָס לאַנד. גאָט האָט געגעבען די צעהן געבאָט צו פאַרזיכערען דאָס גליק און פריעדען פון זיינע באַשאַפענישען, און ווען אַלע וואָלטען געפאָלגט דיעזע הייליגע מצוות, וואָלט אויף דעם ערד־קוגעל געהערשט פריעדען, האַרמאָניע און ברידערליכע ליעבע. „אָ ווען דו וואָלסט געהיט מיינע געבאָט! דאַן וואָלט דיין פריעדען געווען ווי אַ טייך, און דיין גערעכטיגקייט ווי די כוועלען פון ים.“ ישעיה 18:48.

ווען מיר באַטראַכטען אונזער דור זעהן מיר אַז די עשרת הדברות ווערען עובר געווען כמעט פון אַלעמען. סאַטאַנישע און מענשליכע קרעפטען האָבען זיך פאַראייניגט כדי צו באַזייטיגען די געטליכע געבאָט פון דער וועלט. ספּעציעל איז דאָס ריכטיג וועגען דעם הייליגען שבת. מיר האָבען ערפאַהרען פון אַ פאָריגען קאַפּיטעל אַז די קאַטוילישע קירך האָט געענדערט דעם שבת־געבאָט, און האָט איינגעפיהרט די הייליגונג פון זונטאָג, אַנשטאָט דעם געטליכען שבת. אַלס פאָלגע פון אָט דעם גרויסען פאַרברעכען איהרען, איז כמעט די גאַנצע וועלט אָבזיכטליך אָדער אומוויסענדיג עובר שבת. פיעלע פרעדיגער פון די פּאָפּולערע קירכען פרעדיגען אַז די צעהן געבאָט זיינען אָפּגעשאַפען געוואָרען פון ישוע הנוצרי. דאָס איז אַבסאָלוט פאַלש. ישוע האָט געזאָגט: „דענקט ניט אַז איך בין געקומען צו צושטערען די געבאָט אָדער די נביאים. איך בין ניט געקומען צו צושטערען, נאָר צו ערפילען. ווייל, באמת זאָג איך צו אייך אַז איידער הימעל און ערד וועלען פאַרגעהן, וועט ניט אַפילו איין פּינטעלע אָדער שטריכעלע פאַרגעהן פון די געבאָט ביז אַלץ וועט ערפילט ווערען.“ מתי 18,17:5. דיעזע ווערטער כאַראַקטערי־זירען דעם משיח אַלס באַשיצער און פאַרעהרער פון די געטליכע געבאָט. ער

זאָגט דייטליך אַז מע קען דאָס געזעץ אַזוי אָפּשאַפן ווי מע קען אָפּשאַפן דעם הימעל און די ערד. ניט נאָר האָט ער זעלבסט געהיט די געבאָט, נאָר ער האָט אַלעמאָל אונטערשטראָכען די וויכטיגקייט פון פאָלגען די געבאָט און די נביאים. גאָט איז דערזעלבער נעכטען, היינט און אויף אייביג. זיינע געבאָט זיינען דאַריבער גראָד אַזוי אין קראַפט היינט ווי ווען עס איז פריהער.

פון דעם פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר ערפאַהרען אַז איצט געהט אָן אין הימעל דער יום הדין, וואָס דאַרף ענטשיידען דעם שיקזאַל פון איטליכען מענשען וועלכער האָט געלעבט אויף דער וועלט. ווערהענט דיעזער יום הדין געהט אָן, שיקט גאָט די פאָלגענדע שליחות צו דער גאַנצער וועלט:

„פירכט גאָט, און גיט איהם כבוד, ווייל די **שעה פון זיין משפט איז געקומען**, און פאַרגעטערט איהם וועלכער האָט געמאַכט הימעל און ערד, דעם ים, און די וואַסער־קוואַלען.“ אַנטפּלעקונג 6:1.

עס איז פאַראַן נאָר איין געבאָט וועלכער דיענט צו פאַרגעטערען „איהם וועלכער האָט געמאַכט הימעל און ערד,“ און דאָס איז דער שבת, ווייל די אורזאַכע פאַר וואָס מיר דאַרפען היטען שבת איז „ווייל אין זעקס טעג האָט **גאָט** באַשאַפען הימעל און ערד און אַלץ וואָס אין זיי.“ שמות 11:20. זאָגט דער סאַלמיסט, „ער האָט געמאַכט זיין וואונדערבאַרע ווערק צום **געדענ־קען**.“ תהלים 4:111. און ווייטער, „דיין **נאָמען** אָ גאָט, דויערט אויף אייביג; און דיין **אָנדענק**, אָ גאָט, אויף אַלע דורות.“ תהלים 13:135. פון דיעזע פסוקים זעהט מען אַז דער שבת איז דער „**אָנדענק**“ וואָס דערמאָנט אָן דער שאַפערישער קראַפט פון גאָט, און אַז גאָט'ס נאָמען דויערט אויף אייביג. דער שבת איז דער איינציגער געבאָט וואו גאָט'ס נאָמען ווערט דערמאָנט, וואָס ערקלעהרט אונס אַז ער איז דער באַשאַפער, דער הער־שער פון דעם אוניווערזום. היטענדיג דעם שבת פאַראייביגען מיר אין אונזער הארצען דעם נאָמען און דעם אָנדענק פון אונזער באַשאַפער, און זיינען געזיכערט אַז מיר דיענען דעם איינציגען וואַהרען גאָט, ווייל דער וואַהרער גאָט איז דער וועלכער האָט באַשאַפען הימעל און ערד.

גאָט רופט איצט אַרויס אַ פאָלק וועלכע זיינען וויליג צו היטען זיינע געבאָט אַפילו צווישען דעם איצטיגען פאַרדאָרבענעם און זינדיגען דור. דורך קאַטאַסטראָפעס אויף לאַנד און זעע זוכט ער צו איבערצייגען די וועלט אַז זיי זאָלען אויפהערען איבערטרעטען זיינע געבאָט. דורך זיינע משפטים, דורך אומגליקען, „דורך שרעקליכע זאַכען אין גערעכטיגקייט.“ און דורך זיין הייליג וואָרט, שטרעבט ער צו דערוועקען די דרעמלענדע מענשליכע געוויסענס, און צו וואָרנען זיי וועגען דעם קומענדען טאָג פון רעכענונג, סיידען זיי וועלען אויפהערען עובר זיין די געבאָט, און ספּעציעל דעם שבת. די איינציגע רפואה פאַר אַ צוריסענער, בלוטענדער, פאַראומגליקטער, און אומקומענדער וועלט איז צוצולאָזען דעם משיח צום האַרצען אום ער זאָל דאָרט איינגראַווירען די אומפאַרענדערליכע געבאָט פון דעם אייביגען, לויט דעם ברית חדשה וועלכען

גאָט האָט פאַרשפּראָכען צו מאַכען מיט זיין פאָלק. זעה ירמיהו 33-30:31.

אַלס דיעזע וואָרנונג וועגען געטליכען יום הדין ווערט פּראָקלאַמירט אין הונדערטער שפּראַכען, ווערען אונטער איהר ווירקונג שנעל געשאַפען צוויי באַזונדערע קלאַסען מענשען. איין קלאַס באַשטעהט פון די פיעלע טויזענטער אויס יעדער נאַציאָן, שבט, שפּראַך און פאָלק וועלכע היטען די וואָרנונגען פון גאָט'ס וואָרט, און נעהמען אָן די פאַרצייאונג פון זייערע זינד דורך דעם גרויסען קרבן המשיח. מיט טיפער דאַנקבאַרקייט צו גאָט פאַר זיין גרויסער גנאָד צו זיי, קעהרען זיך פון זינד צו גערעכטיגקייט, און דורך דעם געטליכען ווערק אויף זייער הארצען, היטען זיי אַלע זיינע געבאָט, און איבערהויפּט יענעם געבאָט וועלכער ווערט היינט כמעט פון דער גאַנצער וועלט עובר געווען—— דער הייליגער שבת. דער צווייטער קלאַס באַשטעהט פון די גרויסע מאַסען וועלכע פאַראַכטען דעם אָנבאָט פון געטליכען חסד, און ווערען האַרט-הערציגער אין זייער ווידערשפּעניגקייט. ווי פרעה פון אַמאָל קעמפען זיי אַזוי לאַנג קעגען דעם רוח הקדש, ביז אפילו די שטאַרקסטע באַווייזע פון געטליכער קראַפט מאַכען אויף זיי ניט מעהר קיין איינדרוק, און זיי שניידען דערנאָך דאָס וואָס זיי האָבען אַזוי נאָכאַנאַנד פאַרזייעט.

ווען דער גרויסער שופט קומט וועלען זיין נאָר אָט די צוויי קלאַסען וועלכע וועלען איהם באַגעגענען: די וועלכע האָבען איהם געעהרט דורך היטען זיינע געבאָט, און די וועלכע האָבען זיך עקשנות'דיג ענטזאָגט צו היטען זיינע באַפעהלע. איין קלאַס האָט געמאַכט די נויטיגע צוגרייטונג, און אַלס זיי זעהן זייער גאָט אַראָפּקומענדיג פון הימעל מיט פאַרצעהרענדען פייער און שרעק-

ווען דער געטליכער משיח וועט קומען וועלען די וועלכע האָבען געהיט די עשרת הדברות איהם באַגעגענען מיט גרויס פרייד

ליכער מאַיעסטעט (זעה תהלים 50), קוקען זיי אַרויף מיט בטחון און רופען אויס מיט העפטיגער שמחה, „זעה, דאָס איז אונזער גאָט, מיר האָבען אויף איהם געוואַרט, און ער וועט אונס ערלעזען, דאָס איז אונזער גאָט; מיר האָבען אויף איהם געוואַרט מיר וועלען זיך פרעהען און משמח זיין מיט זיין גאולה.“

ישעיה 9:25. דער צווייטער קלאַס וועלכע האָבען פאַרפעהלט צו מאַכען שלום מיט גאָט, וועלען אין פאַרצווייפלונג אַרויסוואַרפען זייערע געצען פון זילבער און גאָלד וועלכע זיי האָבען געדינט, צו די קראָטעס און פלעדער־מייז, און זיי וועלען „געהן צו די פעלזען־שפּאַלטען, און צו די שפּיצען פון די פעלזען, איבער זייער שרעק פאַר דעם האר, און איבער דער פּראַכט פון זיין מאַיעסטעט, ווען ער וועט אויפשטעהן צו צוטרייסלען די ערד.“ ישעיה 21,20:2. „און איך וועל ברענגען צורות איבער די מענשען, און זיי וועלען ארומגעהן ווי בלינדע, ווייל זיי האָבען געזינדיגט קעגען גאָט...זייער גאָלד און זייער זילבער וועט זיי ניט קענען מציל זיין אין דעם טאָג פון געטליכען צאָרן.“ צפניה 18,17:2. צווישען וועלכען קלאַס וויל דער לעזער זיין? גאָט האָט איטליכען מענשען באַשאַפען פריי אויסצוקלייבען, און עס איז אונזער דעה אויסצוקלייבען צווישען וועלכען קלאַס מיר זאָלען זיך געפינען אין דעם גרויסען טאָג פון גאָט.

וואונדערליך און אוממעגליך צום באַשרייבען איז דער שכר וועלכער ערוואַרט די וועלכע האָבען געוואַגט צו געהאָרכען גאָט טראָץ דער אַלגעמיינער פאַרדאָרבענהייט פון אונזער צייט. זאָגט דער באַגייסטערטער נביא: „דאָס אויג האָט ניט געזעהן, און דאָס אויער האָט ניט געהערט, און עס איז ניט אין הארצען פון מענשען אַריינגעקומען, וואָס גאָט האָט צוגעגרייט פאַר די וועלכע ליעבען איהם.“ א. קאָרינטער 9:2. „ווייל זעה, איך באַשאַף נייע הימלען און א נייע ערד; און די פאָריגע וועלען ניט אַמאָל דערמאָנט ווערען, און וועלען ניט מעהר צו די געדאַנקען קומען.“ ישעיה 17:65. נאָך דעם ווי גאָט וועט דיעזע זינד־געפּלאָגטע ערד שלאָגען מיט דעם בעזים פון פאַרניכטונג, וועט דערנאָך פון זיין שאַפערישער האנד ווידער אַרויסקומען אַזא מייסטערווערק פון פּראַכט און שעהנקייט, דאָס אַלס די ערלעזטע באַטראַכטען די בלענדענדע עהרליכקייט פון דער נייער ערד, וועלען זיי ניט אַמאָל זיך דערמאָנען אָן דער אַמאָליגער ערד מיט איהר צער און אומגליק וואָס די זינד האָט פאַראורזאַכט. „און גאָט וועט אָפּווישען די טרערען פון איטליכען געזיכט; און די שאַנדע פון זיין פאָלק וועט ער אוועקנעהמען פון דער גאַנצער ערד, ווייל דאָס מויל פון גאָט האָט דאָס געזאָגט.“ ישעיה 8:25.

די נייע ערד וועלכע גאָט גרייט צו פאַר זיינע געטרייע קינדער איז ניט עפּעס רחניות'דיג, אָדער פאַנטאַסטיש. „מיין פאָלק וועט וואוינען אין א פריעדליכען אָרט, און אין זיכערע וואוינונגען, און אין ערטער פון שטילקייט און רוה.“ ישעיה 18:32. „אין דיין לאַנד וועט מען מעהר ניט הערען וועגען געוואַלט־טהאַטען, און פון פאַרוויסטונג אָדער צושטערונג אין דיינע גרענעצעהן; נאָר דו וועסט דיינע ווענט אָנרופען ישוע, און דיינע טויערען לויב.“ „זיי וועלען בויען הייזער און וועלען אין זיי וואוינען; און זיי וועלען פאַרזייען וויינגערטנער און וועלען דערפון די פרוכט געניסען. זיי וועלען ניט בויען אז אַן אַנדערער זאָל דאָס ירש'ענען; זיי וועלען ניט פאַרזייען אז אַן אַנדערער

זאָל עסען;...מיינע אויסגעוועהלטע וועלען ל א נ ג געניסען די פרוכט פון זייערע הענד.“ ישעיה 18:32; 18:60; 22,21:65. „דאָרט וועלען אומשטערב־ליכע מענשען באטראכטען מיט שטענדיגער ענטציקונג די וואונדער פון דער באשאפונג, די געהיימנישע פון ערלעזענדער ליעבע. דאָרט וועט ניט מעהר זיין קיין גרויזאמער, פארפיהרעשער שונא (דער שטן) וועלכער זאָל אָנרייצען צו פארגעסען אָן גאָט. יעדע אייגענשאפט וועט דאָרט ענטוויקעלט ווערען, איטליכע פעהיגקייט וועט געמעהרט ווערען. די ערוואָרבונג פון וויסענשאפט וועט ניט ערמידיגען דעם גייסט, אָדער אויסשעפען די ענערגיעס. דאָרט וועט מען קענען די גרעסטע אונטערנעהמונגען דורכפיהרען, די עדעלסטע שטרע־בונגען עררייכען, די העכסטע אמביציעס פארווירקליכען; און דאָך וועלען זיך באווייזען נייע הויכקייטען צום דערגרייכען, נייע נסים צום באוואונדערען, נייע וואַרהייטען צום באגרייפען, נייע געגענשטאנדען אויף וועלכע אָנצוא־ווענדען די גייסטיגע און פיזישע כחות.

„אַלע אוצרות פון דעם אוניווערזום וועלען אָפען זיין שטודירט צו ווערען פון גאָט'ס ע"לעזטע. באפרייט פון דעם טויט, פליהען זיי אומערמידליך צו וייטע ו.עלטען, —וועלטען וועלכע פלעגען דורכגעדרינגען ווערען מיט טרויערביים צוזעהן דעם מענשליכן צער, און פלעגן קלינגען מיט שמחה־געזאנגען ביי יעדער בשורה אז א מענשליכע זעעל האָט די ערלעזונג אָנגענומען. מיט אומגעהייערער ענטציקונג באקענען זיך די אירדישע איינוואוינער מיט דער פרייד און חכמה פון די אומזינדיגע באשעפענישען פון די אנדערע וועלטען. זיי געניסען פון די אוצרות פון וויסענשאפט און חכמה וועלכע זיינען ערוואָרבען געוואָרען פון פאָרשען די געטליכע באשאפונג פאר דורות. מיט קלאָרער ראיה קוקען זיי אויף דער פראכט פון דער באשאפונג,——זונען און שטערען און סיסטעמען אַלס אין זייער באשטימטען לויף קרייזען זיי ארום דעם טהראָן פון דער געטליכקייט...

„דער גרויסער קאמף איז געענדיגט. זינד און זינדער זיינען ניט מעהר דאָ. דער גאנצער אוניווערזום איז ריין. איין פולס פון הארמאָניע און פרייד קלאפט דורכאויס דער אומענדליכער באשאפונג. פון איהם וועלכער האָט אַלץ באשאפען, שטראָמט לעבען, ליכט און פרייד דורכאויס די ספערעס פון אומבאגרענעצטען רוים. פון דעם קליינסטען אטאָם ביז דער גרעסטעס וועלט, סיי וואָס איז לעבהאפטיג אָדער אומלעבהאפטיג, ערקלעהרען זיי אַלע אין זייער אומשאטירטער שעהנקייט און פאָלקאָמענער פרייד אז ג אָ ט א י ז ל י ע ב ע.“ ציטירט פון דעם בוך „דער גרויסער קאמף,“ זז. 675, 677, 678.

מיר לעבען היינט אויף דער שוועל פון דער אייביגער וועלט. מיר מוזען שנעל ענטשיידען, ווייל די צייט איז קורץ. אויב איהר באשליסט צו פאָלגען, וועט די אייביגקייט מיט איהרע אומענדליכע פריידען זיין אייערע. וואָס וועט זיין אייער אויסוואהל?